STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02331

ANEKDOTEN UN FOLKS-MAYSES

Permanent preservation of this book was made possible
by Estelle & Dave Schaffer
in loving memory of
their dear dear friend, Murray Weinberg

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַנעקדאָטען
און
פאָלקס־מעשיות
פון אייביגען קוואַל

נאָכ׳ן תנ״ך, מדרש, תלמוד, קולטור געשיכטע
און היינטיגע צייטען.

לכל זמן ועת לכל — חפץ תחת השמים:
עת לבכות ועת לשחק, עת ספוד ועת רקוד

אויף אלץ איז אַ צייט, און עס איז אַ צייט פאַר יעדע זאַך
אונטער׳ן הימעל:
אַ צייט צו וויינען און אַ צייט צו לאַכען,
אַ צייט צו קלאָגען און אַ צייט צו טאַנצען.
(קהלת, ג׳)

ארויסגעגעבען פון
רעוו. אליהו הוטנער
בן העלוי ר׳ שמריהו זצ״ל ונכד הרב הגאון הצדיק ר׳ יצחק
זצ״ל ציוני, בעל המחבר „עולת־יצחק״, אשר היה רב אב״ד
ארבעים ושתים שנה בעיר רעזיצא, פלך וויטעבסק.

מאָנטרעאל, קאַנאַדע

ANECDOTEN AND FOLKS-MAISCHIES
A Religious Bibilical
and Historical Book

נאָכדרוק פארבאָטען.

PRINTED IN CANADA

פאָרוואָרט.

דער אידישער „פאָלקלאָר“ נעמט אַריין אין זיך אַן אוצר פון מעשיות, משלים, אגדות, וויצען, ווערטלעך, אַנעקדאָטען און שיחות־חולין, וואָס דאָס פאָלק האָט במשך פון דורות דאָס צוגעגרייט. און וויפיל משכילים עס וועלען נאָך שרייבען און שאַפען פון „אידישען קוואַל“ וועט ער קיינמאָל ניט אויסגעשעפּט ווערען און שפרודלען מיט זיין סאַטירע, סאַרקאַזם און איראָניע אויף אייביג.

אַזוי ווי אלע טייכען געהן צום ים און דער ים ווערט ניט פול, אזוי וועט קיינמאָל ניט פול ווערען דער „אידישער „פאָלקלאָר“ — דורות פאַרבייטען דורות און פון איטליכען דור זאַמעלט זיך צונויף אַן אוצר פון לעגענדעס, משלים, אַנעקדאָטען און אַלעס גיסט זיך אריין אין „אידישען פאָלקלאָר“.

מיט איין וואָרט שאַרף און פילאזאפיש נעמט אַרום דער „אידישער פאָלק־קלאָר“ דעם מענשען מיט זיינע מעלות און חסרונות, מדות טובות און מדות רעות, מיט זיין אייגעהאלטענקייט, מיט זיין הפקרות׳דיגקייט און מיט זיין תמימות׳דיגקייט, מיט זיין געטליכקייט און מיט זיין ענוות׳דיגקייט. מיט איין וואָרט — אין „אידישען פאָלקלאָר“ ליגט דער תמצית־עסענץ פון עקזיסטענץ פון דער מענשהייט. עס איז זעהר בולט אַ מענש בצורת חיה און א מענש בצורת אלקים.

אויך האָב איך ניט פארפעלט אין דיזען ספר צו שרייבען פאָלקס־מעשיות וואָס רופען ארויס „אַ וויינענדיגען געלעכטער“ — בילדער וואָס איך האָב בייגעוואוינט. די כאַראַקטעריסטישע מעשה׳לעך, וועלען פאַרשאַפען די לעזער אַ קוואַל פון פרייד און געלעכטער. איך האָב זיך אראָפּגעלאָזען צום גרונט פון ים קולטור און תלמוד, און צונויפגעזאַמעלט חמר־מאַטעריאַל — דימענטען און פערל פון גייסט. שליפענדיג זיי פיל מאָל אום צו געבען זיי אין פולען גלאַנץ.

איך האָב געקליבען שטאָף וועגען „אידישען פאָלקלאָר“ אזוי ווי די קליינע ביהן וואָס קלייבט איהר האָניג פון די ערשטע און בעסטע בלומען, און טייל עס מיט מיינע לעזער.

דער מחבר.

אינהאַלט פארצייכעניש

גר־צדק	5
דאָס פינטעלע איד	12
דער בעל שם און דער קצב	13
דער רוף פון הימעל	18
מזל	19
אַ בריוועלע פון דער מאַמען	22
דער כהן	23
בעראָזאָוואַיאַ פאַלקאַ	24
גמרא	24
ספירה	24
ער וויל פארקעהרט	פ2
א בריוועל פון א גרינעם	25
דער צווייג	25
אדווערטייזמענט	26
גשם ושלג	27
דער פרעהליכער חסיד	28
גוט־וואָך	28
רבי יוסי הגלילי'ס שלעכטע פרוי	29
א בריוו פון א חלוץ	31
הכנסת־אורחים	34
אָנאָ ד' הושיעה נאָ	34
די וואַלינקעס	35
דער מגיד און דער שניידער	36
דער קיסר, פויבסט און דער וואסער־טרעגער	37
דער זיווג	38
דער שכל הישר פון ווילנער גאון ר' אליהו ז"ע	42
משיח אין בויד	43
אריינגעזאָגט	44
דער פּאַטש	44
גוט־שבת	48
דער גרינער און דער געלער	50
דער קאַמף פאַר ברויט	52
זי געטרויעט ניט	56
דעם ספר'ס ווייב'ס שאלה	ץ
די עצה	57
א שמועס צווישען צוויי ישיבה בחורים	57
זי זאָל ניט עלטער ווערען	58
די זייט	58
מיט'ן זוים אראָפּ	59
די קאַטוילישע דינסט	59
באזיגט דעם גלח	60
דער קאַרגער גביר און דער מגיד	61
„ספענד־געלט"	62

על קדוש-השם

גר־צדק.

די מלאכים אין הימעל זיינען געווען זעהר פארנומען צו באַשאַפען אַ הייליגע נשמה פון דעם „גר־צדק" — חמר האָבען די מלאָכים גענומען דאָס שטאַרקסטע, דאָס בעסטע, דאָס שעהנסטע: חכמה, בינה, דעת, חמלה, מסירת נפש על קדוש השם; זיי האָבען דאָס אלעס צונויפגעזאַמעלט און עס האָט זיך באקומען אַ נשמה טהורה וקדושה — און גאָט האָט געזאָגט אז דאָס איז גוט! ווען די נשמה איז פאראייניגט געווארען מיט'ן קערפער האָט זי אונטער אַ שבועה גענומען אויף זיך צוהאלטען זיך בקדושה וטהרה ביז וואַנען זי וועט זיך צושיידען מיט'ן גוף.

* * *

דער גר צדק, גראַף פּאָטאָצקיס זוהן, וואָס האָט פריהער געטראָגען דעם נאָמען אלכסנדר וואָזניצן, איז געווען אַ קאַפּיטאַן לייטענאַנט פון דער רוסי־שען פלאָט אין אָנפאַנג פון 18־טען יאָהר־הונדערט. ער איז געווען אין דער צייט פון דער רוסישער קעניגין אַננאַ יאָהאַנאָוונאַ. אלכסנדר האָט געהאט אַ שאַרפען קאָפּ און א שכל הישר, דערצו איז ער געווען באַגאַבט מיט שעהנ־קייט. ער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין לערע אין סקול און די לעהרער האָבען אים זעהר ליעב געהאט פאַר זיינע פעהיגקייטען און אָנשטענדיגקייט. אלכסנדר האָט געענדיגט גימנאַזיום און אוניווערזיטעט. און דאָס אלעס האָט איהם ניט באַפרידיגט. ער האָט געשטרעבט צו העכערעס, צו מעהר ממשות'דיגס. ער און זיין ליבער חבר זאַרעמבא, מיט וועלכען ער האָט געלערענט אינײנעם און פאַרבראַכט זיינע יונגע יאָהרען, האָבען געפיהרט א נאַרמאַלען לעבען, ניט געהוליעט ווי אנדערע יונגע פריצים. זיי האָבען פאַרבראַכט זייער צייט, אין לערנען און אין פילאָזאָפיע. אין קאָמפּאַניע פון די מאַגנאַטען און פריצים

האָבען זיי ניט געפונען קיין שום אינטערעס. דאָס וואָס איז געווען ליעב צו די פּריצים: שכרות, וואַקכאַנאַליע, יאַכט און פּייניגען זייערע קנעכט — איז דאָס אַלעס געווען אומווירדיג ביי אלכסנדר׳ן און זיין חבר זאַרעמבאַ. זיי האָבען געקעמפּט פיעל מיט זייערע חברים פּריצים אז זיי זאָלען פאַרלאָזען זייע־רע שלעכטע מעשים, מחזיר למוטב זיין און געהן אויפ׳ן גלייכען וועג. אויף אַ טייל פון זיי האָבען זיי געווירקט. אין דעם חנוך פון יונגען דור זענען געווען שולדיג די גלחים דער „יעזואיטישער אָרדען״, וועלכער פלעגט פאַרשפּריי־טען גיפט צווישען דער יוגענט, און די גלחים פלעגען לערנען אין די יעזואי־טישע שולען, אז עס איז א מצוה פיינט צו האָבען אידען און פאַרפאַלגען זיי. פיל מאָל איז פאַרגעקומען וכוחים און שפּאַרעניש צווישען אלכסנדר׳ן און זיין פאָטער גראַף פּאָטאָצקי; דער זוהן האָט זיך ניט גע׳שמ׳ט ארויסצוזאָגען צו זיין פאָטער דעם אמת אז אַזאַ לעבען ווי ער פירט איז א חיה׳דיגער לעבען . . . ער האָט איהם דערקלערט אז אלע מענשען זענען גלייך און אלע זענען גאָט׳ס קינדער. „מאָשקע״ — דער ארענדאַטאָר איז אויך אַזאַ מענש ווי זיין פּאָטער דער גראַף; ווען זיי וואָלטען אראָפּוואַרפען פון זיך די קליידער — דער פּריץ זיין מונדער און „מאָשקע״ זיין זופּיצע און בלייבען מוטער־נאַקעט וואָלט דאַן זיין פאָטער זעהן אז ער איז פון דעם זעלבען שטאָף. פלייש און בלוט ווי „מאָש־קע״, און ער טאָר ניט וואַגען איהם שמייסען . . . דער פאָטער אבער איז געווען אן איינגעוואָרצעלטער גראַף מיט שלעכטע מדות און געווען מיט דער מיינונג אז וואָס ער וויל מעג ער טאָן מיט זיינע קנעכט . . . האָט דעם זונ׳ס רייד אויף איהם ניט געווירקט, נאָר עס האָט איהם אויפגערייצט . . .

די אטמאָספערע איז געווען אין דער היים ענג פאַר אלכסנדר׳ן און זאַ־רעמבאַ׳ן און זיי האָבען געזוכט אן אנדער קלימאַט. זיי האָט געצויגען נאָך ליכטיגקייט און — צו פאָהרען נאָך פּאַריז, פאַרפאָלקאָמען זייער בילדונג, און וואָס זיי האָבען געטראַכט האָבען זיי אויסגעפילט. אלכסנדר מיט זיין חבר זארעמבאַ זענען אָפּגעפאָהרען נאָך פּאַריז. זיי האָבען דאָרט געלערענט שפּראַ־כען אויך האָבען זיי זיך פאַראינטערעסירט מיט דער אידישער קולטור און פילאָזאָפיע. זיי האָבען אויסגעשטודירט אלע רעליגיעס פון פילע פעלקער געמאַכט א פאַראַלעל צווישען זיי. באַקאַנענדיג זיך מיט דער לערע און היס־טאָריע פון אידישען מאַרטירער־פאָלק און דיסקוטירענדיג וועגען אידישע רעליגיע, האָבען זיי פאַרשטאַנען אז דער מקור פון אלע רעליגיעס ליגט אין אידענטום. זיי האָבען זיך באַקאַנט מיט אידען און געלערענט פיל פון זיי. אָבער וויסען דעם תמצית היהדות האָבען זיי געלערענט ביי גוטע פעדאַגאָגען: העב־רעאיש, תנ״ך און תלמוד. און וואָס ווייטער זיינען זיי באַגייסטערט געוואָרען מעהרער מיט דער אידישער לערע. פון פּאַריז פאָרט דער יונגער גראַף פּאָ־טאָצקי מיט זיין חבר קיין בערלין. דערנאָך קיין רוים. דאָרט ווערט דער יונגער גראַף פּאָטאָצקי באַקאַנט מיט דער הינטער קוליסען־זייט פונ׳ם קאַטאָליציזם...

זיי האָבען פארלאָזען רוים און געפאָהרען נאָך האָלאנד און פון האָלאנד — קיין אַמסטערדאם לערנען תורה. מען דערצעהלט אז זיין רבי אין אַמסטערדאַם האָט געהאט א שעהנע טאָכטער, אלכסנדר האָט זי געוואָלט פאר אַ כלה; דער רבי האָט איהם צוגעזאָגט צו געבען מיט דער צייט, וואָס וועט איהם ברייגגען צו ווערען א איד — און ווען ער וועט גוט קענען לערנען.

ארומפאָהרענדיג די וועלט, באַקאַנענדיג זיך די יונגע־לייט מיט פאַר־שידענע מענשען; ווערען פראַקטישער אין לעבען און ציוויליזירטער.

מיט דער צייט האָבען זיי זיך פאַרבענקט אהיים; זיי האָט געצויגען צו די פראכטפולע פעלדער און וועלדער פון זייער פאָטער־לאַנד. צווייטענס האָט דער יונגער גראף פּאָטאָצקי געוואָלט פאַרפולקאָמען זיך אין תלמוד אין ליטע.

זאַרעמבאָ, זיין חבר, האָט אין פוילען חתונה געהאט מיט א גראפס א טאָכטער און געהאט מיט איהר א זוהן. נאָר זיין האַרץ האָט איהם געצויגען צו אידישקייט איז ער אוועקגעפאָהרען קיין אמסטערדאם און ער מיט זיין פאַ־מיליע האָבען זיך מגייר געווען, זיי האָבען זיך דאָרטען באזעצט און מיט דער צייט, מיט זיין פאַמיליע זיך באזעצט אין ארץ ישראל. (ע'ע אוצר ישראל חלק 8, דף 197).

קומענדיג אהיים, ווירקט אויף אלכסנדר'ן, דעם יונגען גראַף פּאָטאָצקי, די אטמאָספערע פון זיין רייכען טאַטענס הויף. עס קומט פאַר ביי איהם אין האַרצען א קאמף צווישען יוצר טוב און יוצר הרע, דער גוף ציהט צו ערדיש... און די נשמה — צום הימעל . . . ער איז יונג און שעהן, ער וויל אויך גע־ניסען פון לעבען, פארברייינגט אין קאָמפּאַניע ביי א גלעזעל וויין מיט דער שעהנער יונגער טאָכטער פון ארענדאַר „מאַשקע". נאָר שנעל איז ער גובר זיינע געפילען, זיין אינסטינקט, אלכסנדר דערוויטער זיך פון די גערל, טוט תשובה מכפר צו זיין פאַר זיינע שלעכטע מחשבות . . . די פארשידענע פסולת פון שלעכטע וואקסונגען — וואָס קלייבט זיך צונויף אויף זיין נשמה, וועלכע פאַרשוועכען די הייליקייט פון דער געטליכער נשמה—רייסט ער דאָס ארויס פון זיין הארץ און בלייבט ווייטער ריין און קלאָר ווי א קינד. ער געהט ארום גאַנצע טעג פאַרטראַכט, איבער די וועלדער, פעלדער, בערג און טאָלען, און באשליסט צום סוף ווערען א איד. און אלכסנדר, דער יונגער מאַגנאַט, דער יורש פון גיטער, טיטולען, אוצרות און כבוד, פארבינט זיין שיקזאל אויף אייביג מיט דעם שיקזאַל פונ'ם פאָלק ישראל, וואָס איז געיאָגט און פאַראַכטעט. עס ציהט איהם צו ר' ברוך, מיט וועמען ער פלעגט אָפּט א וכוח האָבען וועגען יהדות. (ר' ברוך איז געווען פון סמאָלענסק), ר' ברוך האָט איהם נאָך פריהער באַקאַנט געמאכט מיט די יסודות פון אידענטהום. און עס האָט זיך באַשאַפען ביי איהם אין הארצען א אמת'ע ליבשאפט צום נייעם גלויבען . . .

און אזוי ווי דער יונגער גראף פּאָטאָצקי האָט זיך ענטשלאָסען מגייר זיין האָט איהם ר׳ ברוך אוועקגעפירט קיין דובראָוונע (אין מאָהילעווער גובערניע) און דאָרט האָט מען איהם מל געווען. (ע׳ע פערטער טייל פּראָפעסאָר ה. גרעץ, זייט 223). און ער האָט זיך פון דאמאָלסט אָן און ווייטער זיך גערופען — אברהם בן־אברהם. אָבער פון דאמאָלסט אָן איז געוואָרען פאַר איהם, אין דער היים די לופט שעדליך. און אָט געפינט זיך איין דער געלערענטער צדיק אין קליין שטעטעלע איליע .(ווילייסקאָוואַ אויעזד, ווילענסקאי גובערניע) און אברהם בן־אברהם האָט זיך דאָרטען אין בית־המדרש אויסבאַהאַלטען און איינער אליין איז ער געזעסען אין בית־המדרש און געלערענט תורה יומם ולילה.

* * *

ישעיה הנביא האָט געזאָגט: מהרסיך ומחריביך ממך יצאו״ — דיינע צושטערער און דיינע פּארוויסטער וועלען פון דיר ארויסגעהן. (ישעיה מט׳) — עס כאפּט זיך ארויס אפטמאָל פון אידישען פאָלק א מענש, וואָס מיט זיינע מעשים פארשאפט ער פיל צרות און שמערצען — צו אָזאַ חיה בזויה געהערט דער מסור — יאשקע דער שניידער — פון איליע, וועלכער האָט גע׳מסר׳ט דעם „גר־צדק״ — אברהם בן־אברהם. מען דערצעהלט אז יאשקע איז געווען א נידעריגער מענש, וועלכער וואָלט פאר געלט פארקויפט זיין טאַטען און מאַמען . . . מען דערצעהלט אז יאַשקע איז געווען גוט באַקאַנט מיט׳ן אלטען פריץ גראף פּאָטאָצקי. — אברהם בן־אברהם׳ס פאָטער — ער פלעגט זיך רייבען ארום איהם, אמאָל באַקומען פונ׳ם אלטען פריץ שמיץ פאר ניט אויספיהרען זיינע ווילדע באַפעלען, למשל, אראָפּנעמען א מאָס פון אַ געפאנגענעם לעבע־דיגען בער אויף אויפצונעהען פאר איהם א פּאַר הויזען . . . און אין א עת צרה גיט דער גראף יאַשקען אַ בייטעל געלט ער זאָל איהם זאָגען וואו דער יונגער דוכוס געפינט זיך . . .

א. ליטווין שרייבט אין זיין בוך „אידישע נשמות״ אז ער איז געווען אין איליע און בערע זלמנ׳ס האָט איהם דערצעהלט וועגען די „יאַשקעס״ — אזוי הייסען די אייניקלעך פון יענעם שניידער „יאַשקע״, וואָס האָט דעם „גר־צדק״ גע׳מסר׳ט, ער האָט איהם דערפאַר גע׳מסר׳ט ווייל דער גר־צדק האָט זיין אינגעל פאַר׳ן אויער אָנגעדרייט. דער אינגעל האָט געשטיפּט אין בית־המדרש און געשטערט דעם גר־צדק לערנען. ער האָט איהם געבעטען מיט גוטען ער זאָל אין א הייליגען אָרט ניט טומלען, נאָר ער האָט ניט געפאָלגט — אזוי האָט זיך ווידערהאָלט עטליכע טעג; דער אינגעל איז געווען פרעך און געזידעלט איהם, דאַן האָט דער גר־צדק איהם געדרייט פאַר׳ן אויער און ארויסגעטריבען פון בית המדרש.

דערביי האָט זיך דער גר־צדק אויסגעדריקט, אז אַן אמת אידיש קינד קען ניט זיין אזוי פרעך, מסתמא וועט ער זיך שמאַדען. (אין איליע זאָגט מען אַז דער אינגעל האָט זיך מיט אַן אמת געשמאַדט) — עס ווערט דערצעהלט. נאָך אַ צווייטע ווערזיע, אז דער שניידער „יאשקע" כאָטש ער איז געווען א פאר־הייראַטער מאן, האָט ער געוואָרפען אַן אויג אויף דעם ארענדאַטאָר'ס טאָכטער, זעהר א שעהנע יונגע מיידעל, און אזוי ווי דער שעהנער יונגער פּאָטאָצקי איז געווארען א איד, האָט דער שניידער מורה געהאט אז ער זאָל מיט איהר חתונה האָבען, כאָטש דער גר־צדק האָט דערפון גאָר ניט געטראַכט — דערפאַר האָט ער איהם גע'מסר'ט. עס ווערט דערצעהלט אויך אז יאָשקע, אלס פאַרדאָרבענער מענש, האָט אונטערגעהאנדעלט מיט ניט־כשרה סחורה . . . און האָט פיינט געהאט דעם „גר־צדק" פאר זיין מוסר זאָגען איהם. דער גר־צדק פלעגט יאָש־קען דערקלעהרען ווי אזוי עס דאַרף זיך אויפפיהרען עהרליך א איד, וואָרום דאָס אידישע פאָלק איז אויסגעקליבען געוואָרען זיין דער טרעגער פון העכסטע מאָראַל, צו זיין א לעהרער און אַ ביישפּיל פאַר דער גאנצער מענשהייט.

מיט איין וואָרט ווען דער גר־צדק האָט זיך דערוואוסט פון דער מסירה איז ער אנטלאָפען אין „סטארינקע", א קרעטשמע אכט וויאָרסט פון איליע, אָבער דער קרעטשמאר, פון שרעק, האָט איהם ארויסגעגעבען. בשעת די צוויי קריסטליכע גזירים האָבען איהם געפירט פון קרעטשמע אַ געשמידטען אין קייטען, האָט דער גר־צדק געשאָלטען דעם מסור אַז זיינע קינדער, אייניקלעך און אור־אייניקלעך, ביז צעהן דורות זאָלען ניט זיין גלייך צו אלע מענשען און קיינער פון זיי זאָל ניט שטאַרבען מיט זיין נאַטירליכען טויט. — די משפחה פון דעם מוסר איז ניט אויסגעשטאָרבען, דערצעהלט בערע זלמנ'ס, אַן אלטער גוטער מענש פון איליע, פארקערט, נאָך איצט איז האלב שטעטעל פון די „יאָשקעס". — ווער טויב, ווער שטום, ווער הינקעדיג און זעלטען ווער פון זיי שטאַרבט מיט אַ נאַטירליכען טויט; עס האָט זיך געענדיגט דער טערמין פון די צעהן דורות.

די קרעטשמע איז פון דאמאָלסט אַן אויך פאַרשאָלטען. קיין קרעטשמאר לעבט דאָרטען ניט אויס די יאָהרען.

* * *

די אינקוויזיטאָרען האָבען אויסגעפונען ר' ברוך'ן, וועלכער האָט גע־האָלפען דעם גר־צדק ווערען אַ איד. זיי האָבען איהם אויך געשמידט אין קייטען. זיי האָבען מיט'ן גראַף פּאָטאָצקין פיעל דעבאטירט. צוגעזאָגט איהם שענקען זיין לעבען אויב ער וועט ווערען צוריק א קריסט. נאָר עקשנות'דיג האָט זיך דער גר־צדק אנטזאגט, ער האָט זיי אויפגעוויזען דעם הינטער קוליסען זייט פונ'ם קאַטאָליציזם... און גערעדט פיל מיט התלבות וועגען דער גרויסקייט

פון גאָט׳ס תורה, אויפווייזענדיג אז דער מקור פון אלע רעליגיעס ליגט אין אידענטהום.

מיט זיינע שאַרפע רייד האָט ער זיי אויפגערייצט . . . און זיי האָבען ארויסגעגעבען דעם בלוטיגען דעקרעט — ביידען צו פארברענען!

* * *

אין דעם באשטימטען טאָג, אין ווילנע, בעת מען האָט דעם „גר־צדק״— גראַף פּאָטאָצקי׳ס זוהן געדארפט פארברענען מיט ר׳ ברוך׳ן — האָבען זיך א לאָז געטאָהן צום „שייטערהויפען״ מענשען פון קליין ביז גרויס און וואָס ווייטער איז מען געגאנגען, אלץ גרעסער און גרעסער האָט געוואקסען דער שטראָם פון מענשען. עס האָט זיך געבילדעט א ים פון קעפּ. דער ים האָט זיך געצויגען און געטראָגען די מענשען אזוי ווי כוואַליעס. איינס איבער׳ן אנדע־רען, אַלץ ווייטער און ווייטער, ביז מען איז געקומען צום „שייטער־הויפען״.

די יעזואיטען, אין שווארצען, האָבען געזונגען, די גלעקער האָבען גע־קלונגען, צוויי פייערען האָבען געפלאַקערט . . .

דער בישאָף האָט אויסגעלייענט דעם טויט־אורטייל אז דער יונגער גראַף פּאָטאָצקי אלכסדר וואָזניצן — קאַפּיטאַן לייטענאנט פון פלאָט — ווערט פאַרברענט איבער דעם, ווייל ער האָט געלעסטערט און פארשעהמט די קאַ־טוילישע קירך מיט דעם וואָס ער האָט פארביטען זיין הייליגע אמונה אויף דער אידישער. און ברוך, דער איד — וואָס האָט ארויסגעהאָלפען דעם יונגען גראַף פּאָטאָצקי׳ן ווערען א איד — וועט אויך איצט באקומען זיין פסק און פארברענט ווערען.

דער בישאָף האָט געגעבען אַ באַפעל צו אריינרופען די פאראורטיילטע און אויספילען דעם טויט־אורטייל . . .

די בליקען פון די גרויסע מאַסען מענשען האָבען זיך געווענדעט צום זייט פון די פאראורטיילטע. מיט פעסטע טריט און א שמייכעל אויף די ליפען האָבען ערשיינט אויפ׳ן „עשאַפאָט״ דער „גר־צדק — דער יונגער גראַף און ר׳ ברוך. ביידע געשמידט אין קייטען.

דער „גר־צדק״ איז געגאנגען פאַראויס — א שלאַנקע פיגור, מיט אַ שווארצע באָרד און פאות, מיט ברענענדיגע שוואַרצע אויגען, מיט א טרויעריגע טונקעלע גלאַט־הויטיגע שעהנקייט.

אַ טויטע שטילקייט האָט באהערשט אַלעמען.

— „שמע־ישראל״ — האָבען אויסגעשריען די פאראורטיילטע און זייער

קול האָט אָפּגעהילכט גאַנץ ווייט און איבערגעריסען דעם געזאַנג פון די נזירים. אַלע זיינען פאַרגאַפּט און פאַרציטערט געוואָרען . . .

— „פאַר דער גרויסקייט פון גאָט׳ס תורה און פאַר׳ן כבוד פון אונזער אידישקייט זיינען מיר זיך מוסר־נפש על קדוש־השם״. . . האָט געקלונגען דאָס קול פון „גר־צדק״.

ווייטער האָט ער שוין ניט געקענט רעדען, ווארום דער בישאָפּ האָט זיך דערשראָקען פאַר׳ן אויפרעגונג פון דעם המון . . .

דער בישאָפּ האָט געגעבען א וואונק צו די תלינים אויספיהרען דעם טויט־אורטייל . . . די תלינים האָבען דעם „גר־צדק״ און ברוך׳ן אין איין אויגענבליק ארייגעוואָרפען אין פייער . . .

עס האָט זיך געהערט קולות פון די הינטערשטע רייען אז מען זאָל אָפּ־האַלטען דעם טויט־אורטייל, ווארום די אַלטע גרעפין קומט אָן מיט אַ פּאַפּיר פון פויפּסט און דעם פוילישען קינג, אז מען זאָל דעם יונגען גראַף לאָזען לעבען; זי האָט דאָס מיט פיל מיה און מאַטערניש געקראָגען; נאָר זי האָט מיט איינציגע מינוט פאַרשפּעטיגט. אַלעס וואָס האָט פּאַסירט האָט געמאַכט א שווע־רען איינדרוק אויף די מאַסען־צוהערער און אומעדיגע, זיינען זיי זיך פאַרנאַנ־דערגעגאַנגען. אידען האָבען מורה געהאַט פאַר עקסצעסען און פּאָגראָמען, נאָר מיט שרעק זיינען זיי אָפּגעקומען.

א איד האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ גוי און מיט מסירת־נפש איז איהם געלונגען ראַטעווען א טייל פון די אַש און ביינער פון די פאַרבּרענטע קדושים. מיט גרויס מורא און ליבשאַפט הספּדים און געוויין האָבען אידען מקבר געווען די קדשים אויפ׳ן אלטען בית־עולם אין ווילנע.

אויך איז דאָ א מסורה ביי די ווילנער אידען אז דער שיינקער וואָס האָט געלערענט פון אָנפאַנג אידישקייט און העברעאיש מיט די פּריצים און איבער דעם זיינען זיי געוואָרען אידען, איז געווען ר׳ מנחם אריה ליב מוויזון: מען האָט איהם געפּייניגט שרעקליך; און ער איז געטוידט געוואָרען דעם 3־טען יולי, 1749, ער איז געווען 70 יאָהר אלט. (ראה אוצר ישראל 8)׳

דעם קבר פון „גר־צדק״ איז גרינג צו דערקאָנען: עס איז אויף איהם אויסגעוואַקסען א בוים; אַ מאָדנעם אויסזעהן האָט דער בוים; זיינע צווייגען די אויבערשטע און די אונטערשטע, זעהען אויס ווי אַ מענש מיט הענט און מיט פיס . . . עס קוקט אויס ווי אַ טרייע מוטער האָט זיך איבערגעבויגען איבער דעם קבר פון איהר ליעב קינד, און היט איהם אָפּ, דעם טייערען קבר, טאָג און נאַכט, אז קיין בייז אויג און קיין שלעכטע האַנט זאָל איהם ניט שאַדען . . . דער קבר פון „גר־צדק״ איז ביי אידען פאַרהייליגט, מען באזוכט איהם זעהר אָפט טייכען טרעהרען ווערען פאַרגאָסען אויף זיין קבר, און פאַר דאָס הייליגע בילד פון „גר־צדק״ — דער מקור פון ליעבע און טרייהייט צום אי־דישען פאָלק און צו זיין אמונה.

דאָס פינטעלע איד.

אמאָל, אין שפּאַניע, אין די צייטען פון קיסר פערדינאַנד און עליזאבעט זיינען אידען געגאנגען פאר זייער אמונה אין פייער און אין פלאַם. אויף די „שייטער־הויפענס" פלעגען זיי פארברענט ווערען לעבעדיגערהייט. איז דאַן אין הויף פון עליזאבעט געווען א באוואוסטער קאָמפּאָזיטאָר — פידעל־שפּילער. ער פלעגט באצויבערען מיט זיין שפּילען טויזענטער מענשען. די קייזערין האָט איהם באַשאָטען מיט מעדאַלען, רייך און גרויס געמאכט. נאָר גיך האָט זיך אלעס געענדערט. ויהי היום, די אינקוויזיטאָרען האָבען דערגאנגען אַז דער פידעל־שפּילער איז אַ איד, כאָטש ער ווייס אליין ניט דערפון . . . דאַן האָט „טארקוואמאדא" פאָרגעהאלטען דער קייזערין ווארום זי האלט א אידען אין הויף און באשיינקט איהם מיט מעדאַלען. ער האָט איהר געשראָקען אויב דער איד וועט ניט ווערען קיין „קאַטאָליק" וועט זי געהן אין גיהנום . . .

די קייזערין האָט געזאָגט אז זי וועט מאַכען פון דעם קאָמפּאָזיטאָר „אַ פרומען קאַטאָליק" . . . .

די קייזערין עליזאָבעט האָט איינגעלאַדען איהר ליבלינג צו זיך; פאָר־ברייגענדיג די צייט מיט איהם האָט זי געבעטען ער זאָל איהר דערצעהלען פון זיין יוגענט־ערינערונגען. ער האָט געזאָגט אז אלעס האָט ער פאַרגעסען פון זיין יוגענט, נאָר ער געדענקט נאָר צוויי ווערטער: „שמע־ישראל".

— דאָס איז ווערטער, באמערקט עליזאבעט, וועלכע עס שרייען אויס די פארפלוכטע אנוסים, וועלכע ווערען פארברענט אויף די „שייטערהויפענס".

— ווי עס ווייזט אויס ביסטו אויך א געבוירענער איד . . . כאָטש דו ווייסט ניט דערפון . . . זי האָט איהם גע'עצה'ט צו ווערען א „קאַטאָליק". . . . פון אָנפאנג האָט ער געמיינט אז זי לאַכט דאָס, נאָר זי האָט איהם דערקלערט אז זי מיינט ערנסט, און האָט איהם פארגעלייענט די נעמען פון זיין גאנצער אי־דישער משפּחה, וועלכע די „גלחים" האָבען אויסגעפונען . . .

דער קאָמפּאָזיטאָר האָט אלעס אויסגעהערט און געווען איבעראשט, ער האָט זיך דערוואוסט אז אין זיינע אָדערען פליסט דאָס אידישע בלוט — אַ ניצוץ פון אייביגער אידישקייט . . . דער נאַציאָנאַלער געפיל האָט זיך אין איהם דערוועקט, עס האָט איהם באהערשט א רוח הקדש און ער האָט געענט־פערט: — איך דאַנק דיר, קייזערין, וואָס דו האָסט מיר ענטדעקט דעם סוד אַז איך בין א „איד", איך בין שטאָלץ מיט מיין פאָלק, וואָס האָט פראָקלאַמירט צו דער וועלט אחדות־הבורא און געשאַפען נביאים, פּאָעטען און דענקער, און מיין אמונה וועל איך ניט פארבייטען . . .

די קייזערין האָט דאָס ניט ערוואַרטעט, האָט אָנגעהויבען איהם איינ־צורייַדען צו ווערען א קאַטאָליק, מען וועט איהם גליקליך מאַכען, נאָר ווען

די גוטע רייד האָבען ניט געהאָלפען, האָט זי אָנגעהויבען מיט בייז'ן און איהם פּאַראויס געזאָגט וואָס איהם ערוואַרטעט: יסורים, שרפות — „אינקוויזיציאָן"...

איהרע רייד האָבען ניט געהאָלפען, ער האָט געזאָגט, אַז ער איז גרייט צו שטאַרבען פאַר זיין הייליגע אמונה. א איד איז ער געבוירען געוואָרען, און א איד וועט ער שטאַרבען. די קייזערין האָט געזעהן אַז זי וועט ביי איהם גאָר־ניט אויספיהרען, האָט זי א וואונק געטאָהן צו איהרע „מחבלים" און איהם איבערגעגעבען אין די הענט פון „טאַרקוואַמאַדאַ'ן" און געהייסען איהם מוטשע־נען צוואַנציג טעג ביז וואַנען ער וועט אָננעמען דעם קאַטוילישען גלויבען. און זי האָט געבעטען די דאָקטוירים אַז זיי זאָלען זעהן אַז ער זאָל ניט שטאַרבען אין די צוואַנציג טעג. זי האָט געהאָפט אַז ער וועט בייטען זיין גלויבען . . .

די ווילדע טיראַנישע אינקוויזיציע־מאַשינען האָבען אָנגעהויבען פונק־ציאָנירען, יעדען טאָג האָט מען איהם אין אַ מאַשין איינגעקוועטשט אַ ברעג פון פינגער, און אַזוי לאַנג געקוועטשט ביז דער נאָגעל איז אראָפּ, און אַזוי אַלע טאָג. אויף דעם לעצטען טאָג איז נאָך געווען איין נאָגעל פון רעכטען פוס, דעם גראָבען פינגער, און ווי מען האָט דעם פינגער אָנגעשרויפט, האָט ער נאָר אויסגעשריען „שמע ישראל", מעהר האָט ער ניט געדענקט און זיין הייליגע נשמה איז ארויס . . . די פאַרשטיינערטע הערצער פון די אינקוויזי־טאָרען זענען געווען געריהרט פון אַזאַ „מאַרטירערטום".

דער בעל־שם און דער קצב.

וועגען גרויסע פערזענליכקייטען טראָגען זיך ארום פילע לעגענדעס, וואָס מעהר דער העלד איז באַריהמט אַלץ מעהר לעגענדעס שפינען זיך אין זכרון פון פאָלק וועגען איהם. וועגען ר' ישראל בעל שם־טוב (בעש"ט) ווערען דערצעהלט פילע אגדות.

אין אַ דאָרף אין פּוילען, האָט געוואוינט א איד אליעזר מיט זיין ווייב חנה. דער מאַן אליעזר איז געווען א ירא שמים און א גרויסער מכניס־אורח. קינדער האָבען זיי ניט געהאַט. איינמאָל האָט אליהו הנביא זיך פאַרשטעלט אַלס אָרימאַן און איז געקומען אין א דאָרף אום שבת האַלבען טאָג, אין הויז פון רבי אליעזר'ן מיט זיין שטעקען און טאָרבע, אליעזר האָט איהם ניט פאַר־געוואָרפען וואָס ער איז מחלל שבת בפרהסיה — פיין איהם אויפגענומען און איהם מכבד געווען מיט א פעטען קוגעל . . .

דער גאַסט האָט געגעסען און ניט געבענשט. אויך ניט געדאַוונט „מנחה" ו„מעריב" און האָט זיך געלייגט שלאָפען. אויף מאָרגען איז ער אויפ־געשטאַנען און זיך צוגעגרייט אין וועג אריין. אליעזר האָט איהם געגעבען אַ

נדבה און שפייז אויפ׳ן וועג און האָט איהם געוואונטשען אַלעס גוטס. אליהו הנביא האָט צוגעזעהן זיין גוטע הארץ, האָט ער איהם אזוי געזאָגט: „געקומען בין איך דיר אויסצואפּרואווען, איצט זעה איך אז מיט א אמת ביסטו א רחמן, איבער דעם וועט גאָט דיר געבען א זוהן, וואָס ער וועט דערלייכטען די אויגען פון אלע אידען״. אליהו איז נעלם געוואָרען. עס איז פאַרביי א יאָהר איז געבוירען געוואָרען ביי איהם א זוהן און מען האָט איהם א נאָמען געגעבען „ישראל״. — ער איז געבוירען געוואָרען אין פּאָדאָליען, ארום יאָהר 1700, און צום באַדויערען זענען זיינע עלטערען אָפּגעשטאָרבען ווען ער איז נאָך געוועזען אַ קינד. און בעלי צדקה פון שטאָדט האָבען גענומען דעם יתום אונטער זייער השגחה און האָבען איהם אָפּגעגעבען אין תלמוד־תורה. דאָס קינד פלעגט אַנטלויפען פון תלמוד־תורה אין פעלד, פלעגט זיך באַהאַלטען אין א הייל און וואַרים דאַווענען. די לערער און די פריינט האָבען ניט פאַרשטאַנען אז ער האָט א טרוימערישע נאַטור און האָבען איהם גערודפט, גערופען „ווילדער אינגעל״ און מען האָט איהם פאַרטריבען פון תלמוד־תורה. ישראל איז צו דרייצעהן יאָהר געוואָרען אַ באַהעלפער און שפעטער אַ שמש. אין דער פריה פלעגט ער צו־נויפזאמלען די קינדער אין חדר און פון אָוועגט פיהרען זיי אהיים. ער פלעגט געהן פאַראויס און זינגען שירים און די קינדערלאַך פלעגען איהם נאָכזינגען. זיין ליבע צו די קינדער און צו פראָסטע מענשען איז געווען אָהן אַ ברעג. מיט זיינע גוטע רייד פלעגט ער היילען קראַנקע הערצער. ווען דער בעש״ט איז נתגלה געוואָרען האָט ער געלערענט: אז די אמת׳ע פרומקייט באַשטייט ניט אין לערנען גמרא, נאָר דער עיקר איז צו האָבען גאָט אין הארצען, השתפכות הנפש און הייסע תפילות דאָס איז טייערער ווי אלץ; מען דאַרף דינען גאָט מתוך שמחה ניט דורך עצבות און זיך ניט פייניגען. די רבנים אין יענער צייט זענען טיף פאַרזונקען געווען אין זייער פלפול אין תלמוד און זיינע מפרשים, און אויפ׳ן המון עם האָבען זיי געקוקט פון אויב׳ן אַראָפּ מיט בטול; אָבער די זון ערשיינט פאַר׳ן המון־עם מיט׳ן אָנקום פון ר׳ ישראל בעל שם טוב פון מעזיבוז, וואָס איהם איז באַשערט געווען אָט די אלע אונצופרידענע פאַרזאַמלען ארום זיך, זיי צו געבען כלְלים און אמונה אין לעבען. אָט וועגען דעם וואונדערליכען מאַן ווערען דערצעהלט וואונדערליכע מעשיות. און איינע פון זיי וועל איך איצט דערצעהלען פאַר מיינע לעזער:

איידער דער בעש״ט איז נתגלה געוואָרען האָט ער זיך זעהר פיעל אַנגעליטען און האָט אַלץ מקבל באהבה געווען. ער פלעגט ארומשפּאַצירען אין די פעלדער, טאָלען, בערג זוכענדיג גראָזען, בלומען, שטודירענדיג זיי און דערגעהן זייער קראַפט מיט וועלכע ער קאָן היילען מענשען. מפרנס געווען האָט ער זיך בקו חרובין מערב שבת לערב שבת . . . זיין פרוי פלעגט קומען צופאָהרען מיט׳ן פערד און וועגעלע און ער פלעגט איהר אָנלעגען דאָס וועגעלע מיט ליים און זי פלעגט דאָס פיהרען פאַרקויפען אין שטאָדט . . . קען

מען זיך פאָרשטעלען וואָס פאַר אַ לעבען זיי האָבען געקענט מאכען, איינצו־שטילען דעם הונגער, פלעגט ער באַקען אויף דער זון שטיקלעך טייג . . . מיט דאָס פלעגט ער זיך דערנערען און וואַסער טרינקען פון קוואַל מיט די פייגעלאך פון הימעל.

מענשען האָבען דאָס באמערקט, געוואָלט העלפען, נאָר ניט געהאט די העזה איהם פאָרצולייגען . . . דער בעל־שם פלעגט פאַסטען זעהר אָפט, זיין פרוי קוקענדיג אויף איהם ווי ער זיצט און לערענט, טוט איהר הנאָה און זי פאַסט אויך, אָבער קינדער ווילען ניט וויסען פון קיין הונגער, שרייען זיי, וויינען . . . דערנאָך לויפען זיי ארויס אויפ׳ן הויף שפּילען, די שכנה — אַ פרומע אידענע, אַ קצב׳ס אַ ווייב — האָט אָפּגעשטעלט דעם בעש״ט׳ס מיידעלע און פרעגט איהר: זאָג מיר, האָדעלע, וואָס פאַר א געריכט האָסטו היינט גע־געסען ?

— וואָס געגעסען, ווען געגעסען, זאָגט דאָס מיידעלע מיט טרעהרען, אפילו קיין ברויט ניטאָ צו זאַט . . .

די פרוי איז פארציטערט געוואָרען, ארייגערופען די קינדער צו זיך גוט אָנגעהאָדעוועט זיי, און אוועק צו איהר מאן און דערצעהלט אז דער צדיק וואָס וואוינט לעבען זיי, הונגערט מיט זיין פאַמיליע . . .

— יע, זאָגט דער קצב, איך וויס, מיר מוזען פאָרזיכטיג מיט איהם האַנדלען, כדי איהם ניט צו פארשעמען. געה אהיים מאך אַ סעודה כיד המלך, און איך וועל איהם מיט זיין פרוי און קינדער ברייגגען אויף וואַרעמעס צו אונז.

— טאָמער וועט ער ניט וועלען געהן ? זאָגט זיין ווייב.

— דאָס איז מיין זאַך, טוה וואָס איך הייס דיר.

נאָכ׳ן האלבען טאָג איז געקומען דער קצב צום בעל־שם, וועלכער איז געווען פארטיפט אין א ספר. דער קצב האָט איהם געזאָגט א ברייטען „גוט־מאָרגען״ און דערצעהלט אז ער איז איהם געקומען בעטען מיט זיין פרוי און קינדער אויף א שמחה׳לע . . .

— אזוי, זאָגט דער בעל־שם אַ שמחה ביי אַ אידען איז א גרויסע מצוה, מיר וועלען קומען.

— אלע געסט זיינען אריינגעקומען אין הויז צום קצב, ממש אַ גן־עדן: דער פעמעסט (פלאָר) איז געווען באַשאָטען מיט געלע זאַמד, דער טיש איז געווען באַדעקט מיט אַ ווייסען טישטוך, גאָפּעל, מעסערס האָבען געבלישטשעט; געשמעקט אַ ריח פון דאָס געקעכטס — מען האָט זיך געוואַשען צום עסען, געמאכט א מוציא און זיך גענומען צו דער אכילה, צו די גוטע מטעמים, וואָס די בעלת־הבית האָט דערלאנגט צום טיש. מען האָט געזאָגט תורה, געמאכט אַ שנעפּסעל . . . אין מיטען דער סעודה זאָגט דער בעש״ט:

— וואָס איז ביי אייך פאַר שמחלה ?

— אז השי״ת גיט לעבען און געזונט, איז א שמחלה, עס שטעהט דאָך געשריבען, רבי, „זה היום עשה ד׳ נגילה ונשמחה בו״. איז דאָך אלע טאָג א שמחה.

— יע, ריכטיג, זאָגט דער בעל־שם טוב, דער רבונוש״ע האָט באשאפען אַ גרויסע שעהנע וועלט און מען טאָר איהר ניט פאַרנאַכלעסיגען.

מען האָט פאַרבראַכט, אָפגעבענשט, זאָגט דער בעל שם טוב צום קצב: „איהר האָט אונז פשוט מחיה געווען, און איך וועל אייך עפּעס זאָגען״.

— דערצעהלט, רבי, זאָגט דער קצב.

— דאָרטען און דאָרטען לעבען גרויסען וואלד על פרשת דרכים, שטעהט אַ גרויסער דוב (דעמבע), אינעווייניג איז דער בוים פוסט (א חלל) עס קען אין איהם אריין אַ מענש דורך דער טירל, וועלכע איז פארשטעקט מיט א גריי־נעם צווייג. דער מענש וואָס ווייס ניט די סימנים קען דאָס ניט דערקאָנען. געדענקט די סימנים . . .

וואונדערט זיך דער קצב ווארום דערצעהלט ער איהם אַזאַ מעשה . . .

דער קצב האָט מיט איהם געשמועסט וועגען זיינע עסקים און איהם פארגעלייגט אַ גמילות־חסד. פון דאמאָלסט אָן האָט דער קצב אַכטונג געגעבען שטאַרק אַז דער „גוטער איד״ זאָל חו״ס ניט הונגערען — דערנאָך איז אוועק אַ קורצע צייט און דער בעש״ט איז נתגלה געוואָרען. און געלט האָט זיך אַ שאָט געטאָהן פון אלע זייטען, וועלכע ער פלעגט צוטיילען צווישען ארימעלייט.

דער קצב איז געווען איינער פון זיינע איבערגעבענסטע חסידים. ויהי היום איז דער קצב אוועק דורכ׳ן וואלד מיט פיעל געלט איינקויפען בהמות ביי די פאַרמערס. אין איין אָרט זיינען איהם די בהמות ניט געפעלען געווען איז ער אוועק צום צווייטען פאַרמער, דאָרטען אויך ניט געקויפט — די בהמות געווען מאָגערע . . . איז ער אוועק דורכ׳ן טיפען וואלד צו א דריטען פאַרמער... און ער האָט דערהערט הינטער זיך טריט פון א רייטער. אַ באַקאַנטער פויער איז צו איהם צוגעריטען און זאָגט צו איהם:

— דו ווייסט, יענקל, נאָך וואָס איך בין געקומען, דיר דערהארגענען און צונעהמען ביי דיר דאָס געלט . . .

— וואָס דאַרפסטו מיר דערהאַרגענען, נאַ דיר מיין געלט . . .

זאָגט דער קצב וועלכער האָט זיך שטאַרק דערשראָקען אָבער זיך ניט פאַרלאָרען.

— ביין, זאָגט דער פויער, דערנאָך וועסטו מיר ארויסגעבען צו דער פּאָליציי, „יאַ טעביאַ אוביו״ — איך וועל דיר דערהאַרגענען — און כאַפּט ארויס אַ האַק פון כאַליעווע און וויל דאָס אראָפּלאָזען אויף איהם . . .

— האַלט אַפּ! דו ווייסט דאָך, אז ביי אונז איז א מנהג צו זאָגען „וידוי״ פאַר׳ן שטאַרבען . . .

— דאַווען וויפיל דו ווילסט . . . איך וועל וואַרטען . . . ער האָט זיך אָפּגעקערט אין אַ זייט, אריינגעלעגט די האק אין כאַליעווע, און ארומגעקוקט די שעהנע נאַטור . . .

דער קצב האָט זיך אויך אָפּגעקעהרט אָן אַ אַנדער זייט און דערזעהן פאַר זיך דעם דוב, די טירעל מיט דעם פארשטעקטען צווייג. אלע סימנים וואָס דער בעל־שם טוב האָט איהם פריהער געזאָגט, האָט ער שטילערהייט געעפענט דאָס טירעל און זיך אריינגעשטופּט אין „דוב״ און פארמאַכט דאָס טירעל . . .

דער פויער איז געווען אין א גוטער שטימונג, געוואוסט אז דער קרבן וועט פון איהם ניט אוועקגעהן ער האָט באקוקט דעם גאנצען לאנדשאפט: די וועלדער, פעלדער, בערג, טאָלען — געפייפט און געזונגען און געוואַרט ביז וואַנען יענקל וועט אָפּזאָגען „ודוי״ — אוועק אַ שטיקעל צייט, דער פויער קוקט אַרום, יענקל איז ניטאָ, ווי די ערד וואָלט איהם איינגעשלונגען . . . ער האָט זיך געזידעלט און מיט רציחה געלאָזען זיך לויפען נאָך יענקל׳ן...

און דער קצב ליגט אין בוים און גיסט אויס זיין ביטער הארץ פאַר גאָט: „איך ליעב ווען גאָט הערט די שטימע פון מיין געבעט. ווען ער בויגט זיין אויער צו מיר אין די טעג וואָס איך רוף איהם. ווען עס האָבען מיר ארומ־גענומען געפערליכע וועהטאָגען און העלישע שמערצען האָבען מיר געטראָפען; ווען אומגליק אָדער טרויער באַפאַלט מיר, רוף איך צו גאָט׳ס נאָמען: אָה, עוויגער, רעטע מיין זעעלע! ראַטעווע מיך פון דעם מערדער . . .

גאָט האָט דערהערט זיין געבעט. עס איז אוועק אַ קורצע צייט, איז ער ארויס פון בוים . . . ער האָט געפילט ווי א שווערער שטיין האָט זיך אראָפּגעקייקעלט פון זיין האַרצען . . . אַרום איז געווען שטיל, די זון האָט געשיינט, די פייגעלאך האָבען געזונגען שירה צו גאָט, די רמשים האָבען גע־טשוויטשערט . . . דער קצב האָט געשטעלט טריט, אַ קעהר געגעבען זיך צום וועג וואָס פיהרט צום שטאָדט און אָנגעקומען בשלום און איבערגעגעבען צו פּאָליציי אַלעס וואָס איז פאַרגעקומען. דעם פויער האָט מען אויסגעפונען, ער האָט זיך מודה געווען און האָט באַקומען זיין פסק.

דער איד האָט געבענשט „גמל״ וואָס ער איז ניצול געוואָרען פון טויט. און פון דאמאָלסט אָן האָט ער זיך נאָך מעהר צוגעבונדען צום בעש״ט מיט אלע פעדים פון זיין נשמה.

דער רוף פון הימעל.

אין רעזיצע, וויטעבסקער גובערניע, זיינען געווען חסידים און מתנגדים; געצעהלטע רייכע חסידים פלעגען פאָהרען צום ליבאָוויטשער רבי'ן אויף יום טוב. דער ליבאָוויטשער רבי איז געווען באַוואוסט און באליבט ביי אלעמען. צוויי גבירים ר' דוב־בער ריווע'ס און ר' זלמן ריוולין פלעגען קיין מאָל ניט פאַרפעלען צו פאָהרען צום רבי'ן אַפּאָר מאָל אַ יאָהר.

איינמאָל האָט זיך ביי ר' זלמן ריוולין א דרעה געטאָהן דאָס רעדעל אויף צוריק, זיינע געשעפטען זיינען אוועק זעהר שלעכט. ר' זלמן איז געוואָרען אַ יורד — אַן אָרימאַן. ער איז געפאָהרען צום רבי'ן אויסגיסען פאַר איהם זיין ביטער הארץ. ער האָט דערצעהלט דעם רבי'ן אז ער האָט אַ רייכע משפחה אפשר זאָל ער שרייבען צו זיי, וועלען זיי איהם העלפען, זיי זיינען גוטע מענשען.

דער רבי האָט אלעס אויסגעהערט און געזאָגט: „איך בין ניט מסכים דערצו, זאָלסט ניט שרייבען!"

דער חסיד איז אָפּגעפאָהרען אהיים מיט'ן בטחון אַז בעה"י וועט וויי־טער ווערען גוט. אָבער ער ווערט ניט געהאָלפען בדרך הטבע און עס איז געוואָרען ערגער.

דער חסיד איז ווידער געפאָהרען צום רבי'ן און עס האָט זיך איבער־גע'חזר'ט די זעלבע געשיכטע. דער חסיד זעהט עס איז שלעכט, ביטער: די קינדער אָפּגעריסען, אָבגעשליסען, די בלייכע ווייב אָנגעטאָהן אין טראָנטעס; פאַר דער ענגער דירה, וואָס זיי האָבען געדונגען נאָכ'ן ארויסמופען פון דעם אָפּאַרטמענט, איז אויך ניטאָ מיט וואָס צו באצאָהלען.

דער חסיד איז צום דריטען מאָל געפאָהרען צום רבי'ן און ווען דער רבי האָט ניט מסכים געווען ער זאָל שרייבען צו זיין משפחה, האָט ער געזאָגט אַז ער מוז שרייבען, ווייל קיין אנדער וועג איז ניטאָ.

דער רבי האָט גאָרנישט געענטפערט. דער חסיד האָט זיך אָפּגעזעגענט און איז אָפּגעפאָהרען אהיים.

ר' זלמן דער חסיד האָט אָנגעשריבען אַ בריוו צו זיין משפחה, אין וועל־כען ער האָט אויסגעשריבען זיין ביטערע לאַגע;

עס איז אוועק א קורצע צייט און עס איז איהם אָנגעקומען א בריוו מיט אַ גרויסען טשעק . . . ר' זלמן האָט אויפגעלעבט. דער מזל האָט איהם צוגעשפילט און די געשעפטען זיינען ווידער אוועק גוט. — עס איז אוועק אַ קורצע צייט פּלוצלונג ווערט דער יונגער מאן ר' זלמן קראַנק. דאַן האָט ער זיך פאַרטראַכט אז עסקען זיין איבער דער סיבה איז ער קראַנק, ווייל ער האָט

ניט געפאָלגט דעם רבי׳ן . . . נאָר גלייך ווי ער וועט א״ה זיך דערהוילען, וועט ער פאָהרען צום רבי׳ן זיך פארענטפערען און בעטען א רפואָה. אבער ער איז שוואַך און קאָן ניט פאָהרען, און וואָס ווייטער אלץ ערגער ווערט איהם. דעריבער האָט ער געבעטען זיין גוטען פריינט ר׳ דוב־בער ריוועס, ער זאָל פאר איהם פאָהרען צום רבי׳ן. זיין חבר איז געפאָהרען אָנשטאָדט איהם, און דערצעהלט דעם רבי׳ן אלעס וואָס קומט פאָר מיט זיין חבר ר׳ זלמן ריוולין און געבעטען ער זאָל מתפלל זיין פאר איהם. דער רבי האָט געשוויגען אַ קורצע ווײלע. דערנאָך האָט ער געזאָגט: „זאָלסט וויסען זיין ר׳ דוב־בער אז אַ טייל מאָל איז מען גוזר אין הימעל רח״ל אַז אַ מענש זאָל שטאַרבען. איז דאָ אַן עצה אין הימעל אז די גזרה זאָל פון דעם דאָזיגען אָפּגעטאָן ווערען — איז דורך יסורים, אָבער אז ר׳ זלמן האָט אַליין אוועקגעשטופּט פון זיך די יסורים, דאַן, ווען ער וואָלט געליטען די יסורי עוני — דאָס אָרימקייט און עני חשוב כמת — וואָלט ער נאָך געקאָנט לעבען, און דער צייט וואָלט זיך עפּענען די שערי־רחמים און וואָלט צוריק ווערען א בעל־הבית; אָבער יעצט אז די אָרימקייט איז פון איהם אָפּגעטאָן געוואָרען איז אויך זיין חיות אָפּגעטאָן געוואָרען . . .

דער רבי האָט זיך אָפּגעזעגענט מיט ר׳ דוב־בער׳ן, וועלכער איז גע־פאָהרען אהיים און זיין חבר ר׳ זלמן — דער חולה — האָט ער שוין ניט געפונען צווישען די לעבעדיקע.

מזל.

איז דאָ מזל אויף דער וועלט, רבותי;? וועגען דעם קלערען פילע מענשען; אפּיקורסים זאָגען אז עס איז ניטאָ קיין מזל; אנדערע מענשען געהט גוט, מסתמא זיינען זיי זעהר פעהיגע ביזנעס־לייט און דערפאר זענען זיי רייך; און אַנדערע זענען אָרים ווייל זיי זענען שלומיאל׳ס, קענען ניט האנדלען און דערצו פויל . . . פילע אויפגעקלערטע זאָגען אז דער מלוכה אַפּאַראַט איז ניט קיין ריכטיגער דערפאַר זענען דאָ פילע ארימעלייט, ווארום די רייכע פאַבריקאַנטען עקספּלואַטירען די ארבייטער . . . פאַרשידענע דעות און מיינונגען . . . נאָר אין אמת׳ן עקזיסטירט מזל, און מזל גיט דער רבונו־ש״ע. מיר זעהן אָפט זה עולה וזה יורד, פיל מאָל א גביר ווערט אַן אָרימאַן און א קבצן ווערט אַ גביר. דאָס איז השגחת הבורא. מען גיט מזל אַז מען איז ווערט און אַז ניט נעמט מען דאָס אָפּ צוריק. ווען דער גביר ווערט א קבצן איז נאָר איהם שווער די ערשטע נאַכט איבערצונעכטיגען אַן אַרימאַן, דערנאָך געוויינט ער זיך איין . . .

רבי חנינא בר חמא זאָגט: „מזל מחכים, מזל מעשיר״. — אז מען האָט נאָר דאָס שטיקעלע מזל, ווערט מען שוין א חכם און אן עושר.

דער אבן־עזרא האָט אויך געגלויבט אין מזל. ער זאָגט: „תחת כוכב רע נולדתי״ — אונטער אַ שלעכטען שטערען בין איך געבוירען געוואָרען — ניט אין קיין גאָלדענע העמדעלע געבוירען געוואָרען, איז דערפאַר איהם שלעכט און קומט אָפּ זיין וועלטעלע . . .

אלזאָ, היוצא מדברינו אלה וועל איך אייך דערצעהלען א מעשה׳ע וועגען מזל. עס איז געווען אמאָל א צדיק מיט׳ן נאָמען „אבימלך״, ער האָט געלערענט און געדאַווענט טאָג און נאַכט און זיך מסתפק געווען בקו חרובין מערב שבת לערב שבת. זיין ווייב איז געווען זעהר צופרידען וואָס איהר מאַן איז אַזאַ צדיק, האָט זי זיך קיינמאָל ניט באַקלאָגט אויף איהר שלעכטען מזל. לעבען זיי האָט געוואוינט אַן אָרימער פעדלער, דעם פעדלערס ווייב האָט באַמערקט אַז אבימלך׳ס ווייב האָט ניט מיט וואָס צו מאַכען שבת, האָט זי איהר געליען אַ דאלער אויף שבת. דער פעדלער ב. איז געקומען אהיים האָט איהם זיין ווייב שרה, דערצעהלט אז זי האָט געליען א דאלער צו אבימלך׳ס ווייב. דער מאַן האָט געזאָגט אז ער איז זעהר צופרידען מיט דעם און זי זאָל אלע פרייטאָג לייען אבימלך׳ס ווייב א דאלער אויף שבת.

דער דאלער האָט געמאכט א גרויסען רעש אויפ׳ן „עולם־האמת״ און אַז מען האָט אויסגערופען אין הימעל: „וועמען זאָל מען געבען מזל?״ איז געבליבען אז מען זאָל געבען מזל אבימלך׳ס שכן ב. ווייל זיין ווייב האָט געליען אבימלך׳ס ווייב א דאלער אויף שבת, ניט קוקענדיג וואָס זי איז אליין אָרעם.

פון דאמאָלסט אָן איז דעם פעדלער ב. אוועק זעהר גוט. דער מזל איז געגאנגען פאָראויס, ער האָט אין גיכען פארביטען זיין פערד און וועגעלע אויף אַ קאַר, געקויפט און פארקויפט מיט גרויס פראָפיט, מיט איין וואָרט — רייך געוואָרען . . .

איינמאָל בעת דער פעדלער איז געווען אין א גוטע שטימונג, זאָגט ער צו זיין ווייב:

— זאָג מיר, שרה, דו גיסט נאָך אלימלך׳ס ווייב א דאלער אויף שבת?

— אודאי גיב איך, דו האָסט דאָך אליין געהייסען, צוליעב זייער זכות האָט אונז גאָט געהאָלפען.

— זעה, שרה, טשעפע זיך אָפּ פון די שלעפער, אַ ליידיגען זאַק קען מען ניט אָנשטאָפּען . . .

פון דאמאָלסט אָן האָט שרה אויפגעהערט טראָגען דאלערס צו אלימלך׳ן.

אוועק א קורצע צייט. דער פעדלער ב. איז געפאָהרען שנעל ווי א בליץ מיט זיין קאַר און אָנגעשטויסען זיך אָן אַ שלופּ און די קאַר האָט זיך צושמעטערט, נאָר ער איז געבליבען גאַנץ . . . נו קלערט ער זיך אָן עקסי־דענט, עס טרעפט זיך אזעלכע זאַכען. געקויפט אַ נייע קאַר. אָבער עס געהט ווייטער ניט, געקויפט סחורה פאַר א גוטען פרייז און פארקויפט ביליג, עס איז געפאלען דער מקח . . .

קומט דער פעדלער אַהיים אומעדיג און דערצעהלט צו זיין ווייב אז עס געהט איצט מיט די פוטער אראָפּ — אצבע אלקים היא . . .

— אפשר איז דאָס דערפאר, זאָגט שרה, ווייל מיר האָבען אויפגעהערט צו געבען אלימלך׳ס ווייב א דאלער אויף שבת ?

— נו, געה גיב איהר.

שרה האָט געבראכט צו אלימלך׳ס ווייב דעם דאלער, נאָר זי נעמט ניט.

— גיב איהר מעהר, עצה׳ט איהר דער מאן. געפּרואווט, נאָך אמאָל זי נעמט ניט.

דער פעדלער ב. מיט זיין ווייב זענען אוועק צו אלימלך׳ן און דער פעדלער זאָגט צו זיי — ווי עס ווייזט אויס זייט איהר רייך געווארען אז איהר נעמט ניט קיין געלט, נאָט אייך צעהן, א פינף־און־צוואַנציגער . . .

— ניין, זאָגט אבימלך, מיר זענען ניט רייכער געווארען ווי געוועז, נאָר אייער געלט וועלען מיר ניט נעהמען, בעת איהר האָט געגעבען דעם דאלער אויף שבת, ניט געבעטענערהייט האָט מען אייך אויפ׳ן הימעל געגעבען מזל, ווייל איהר זייט געפעלען געווארען מיט אייער מדת הרחמנות אין דער צייט פון אייער אייגענער נויט, אבער גלייך ווי איהר האָט אויפגעהערט צו געבען האָט זיך פון אייך אָפּגעטאָהן אייער מזל און מען האָט אוועקגעגעבען צו בעסערע מענשען . . . איצט באַלאַנגט דער גאנצער ענין צו ב״ד של מעלה . . .

אנעקדאָטען און פאָלקס־מעשיות

אַ בריוועל פון דער מאַמען

טייערער זוהן מיינער, אויג פון מיין קאָפּ!

אזוי ווייט ביסטו פאַרפאָהרען... זעה מיין קינד, היט אָפּ דיין געזונט! דו מיינסט, אז דו ביסט אויף דער מלחמה דאַרפסטו זיך ארויסשלאָגען פון די כחות און טאָג און נאַכט שיסען? זיי זיינען דאָך אויך מענשען... עס איז דאָך ניט קיין האָזען... אַרבייט ניט אזוי שווער... שיס און רוה זיך אָפּ; באַרוהיג זיך, טרינקט אַ גלעזעלע קאַווע, דערנאָך שיס ווייטער, וואָס זאָל מען טאָהן? ס'איז דאָך מלחמה...

איצט איז אזוי: דיין שעהנע רחל'ע איז ביי מיר געווען היינט, זי האָט געלייענט דיין בריוו צו איהר, דער אומעט איז פון איהר פאַרשוואונדען. זי האָט געטאַנצט פון פרייד... זי האָט מיך מיטגעשלעפּט... און „בולדאָג" — דיין הונט, האָט אויך נאָכגעטאַנצט... זינט דו ביסט אַוועקגעפאָהרען וויזט דער הונט ניט קיין פרעהליכע מינוט... ער ליגט ווי אַ גע'פגר'טער און וואַרט אויף דיר... נאָר היינט האָט ער דערשפּירט אַ פרייד ווען רחל'ע האָט באַקומען דיין בריוו און איז אַוועק מיט אונז אַ טענצעל...

דו פרעגסט, מיין קינד, וועגען מיין געזונט, קען איך דיר שרייבען, אַז איך בין אַלט און קראַנק... עס שטעכט מיר און עס ברעכט מיר... ווען איך וועל אם ירצה השם דערלעבען צו שטאַרבען וואָלט איך וועלען, אַז דו זאָלסט זיין דערביי, זאָגען קדיש נאָך מיר... זעה מיין טייער קינד, וויפיעל איז דאָס דער שיעור צו זיין אין דער פרעמד אויפ'ן פראָנט? פּטר וואָס גיכער אָפּ, שיס אויס שנעלער אַלע דיינע פוליעס און קום צופאָהרען... רחל'ע די שעהנע, די קלוגע, וואַרט אויך אויף דיר... זעה, מיין קינד, אייל זיך צו, וועסטו נאָך געפינען דיין מאַמען, ווארום די כוחות געהן אויס...

זיי געזונט, קום וואָס שנעלער,

דיין איבערגעגעבענע מאַמע,

שיינדל.

דער כהן.

געווען ביי עלטערען אַ צולאָזענער אינגעל, די עלטערען האָבען געהאַט פון איהם יסורים, פלוצלינג איז ער נעלם געוואָרען. נאָך דער וועלט־מלחמה האָט דער פאָטער באקומען אַ בריוו פון זיין פאַרלאָרענעם זוהן אַז ער איז געזונט און אויב זיי נויטיגען זיך אין געלט וועט ער שיקען.

די פרייד איז געווען גרויס, נאָר צום באַדויערען איז די מוטער שוין ניט געווען צווישען די לעבעדיגע. דער פאָטער האָט זיך דורכגעשריבען מיט'ן זוהן און אין גיכען באַקומען אַ שיפסקאַרטע און אָפגעפאָהרען קיין אַמעריקע. דער זוהן מיט זיין ווייב און קינדער האָבען אויפגענומען דעם פאָטער מיט גרויס כבוד, איהם אָפגעגעבען אַ שעהנעם צימער אין זייער רייכער הויז, איהם שעהן אויסגעקליידעט. און ווי גרויס איז געווען דעם פאָטערס שמחה ווען זיין זוהן האָט איהם אריינגעבראכט אין שוהל לעבען זיין הויז. וואו אלע טאָג איז געווען א מנין.

איינמאָל איז געקומען אַ מאַן און געפרעגט דעם פאָטער צי איז דאָ דער שוחט, דער פאָטער האָט ניט פאַרשטאַנען אויף וועמען מען פרעגט. די שנור האָט געזאָגט, אז דער שוחט איז אין שלאַכט־הויז. אַ צווייטען מאָל האָט אַ שמש געבעטען דעם „מוהל" אויף אַ ברית־מילה. דער זוהן האָט מיט־גענומען דעם פאָטער אויך און מען האָט דעם פאָטער מכבד געווען מיט סנדק. אַ דריטען מאָל איז געקומען א שמש און געבעטען דעם רב אויף אַ חתונה. דער זוהן האָט מיטגענומען זיין פאָטער צוצוזעהן אן אַמעריקאַנער חתונה. מען האָט דעם „ראַבאַי'ס" פאָטער צוגעטיילט פיל כבוד.

דער פאָטער קוועלט אָן פון זיין זוהן. מיט עטליכע טעג שפּעטער האָט מען איינגעלאַדען דעם רב אויף א פדיון־הבן. דער זוהן האָט אויך מיט־גענומען דעם פאָטער. מען האָט דערלאַנגט אויפ'ן טיש דאָס קינד — דער כהן איז געווען דער „רב". נאָך דער צערעמאָניע האָט מען דעם „רב" גוט באַפרידיגט.

דער פאָטער האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען און קומענדיג אַהיים פרעגט ער דעם זוהן: „מיין קינד — אַז פון אַ צולאָזענעם זוהן קען ווערען אַ שוחט, מוהל, חזן, רב, אין אַמעריקע — איז אלץ מעגליך, אָבער אַ כהן? איך בין דאָך ניט קיין כהן, מיין פאָטער איז אויך ניט געווען קיין כהן, היינט ווי קענסטו זיין אַ כהן?

ענטפערט דער זוהן: „ליבער טאַטע, אַזוי ווי זי איז אַן ערשטלינג אזוי בין איך אַ כהן . . .

בעריאָזאָוואַיאַ פּאָלקאַ.

שעיה: זאָג מיר, שמעיה, ווארום האָט מען געגעבען ווילקי׳ן
אין רוסלאנד טאָלסטאָי׳ס בעריאָזעווען שטעקען אלס
מתנה פאַר רוזוועלט׳ן?

שמעיה: וואָס פארשטעהסטו ניט, שעיה, כדי רוזוועלט זאָל אי־
בערצייגען היטלער׳ן אַז אַ שטעקען האָט צוויי עקען...

גמרא.

אַמאָל איז געקומען צו ראָטשילד׳ן אין פּאַריז א משולח, אַ ליטוואַק, און וויל דוקא אַז ראָטשילד זאָל איהם אויפנעהמען. האָט מען איהם געזאָגט אין אָפּיס, אַז דאָס איז אוממעגליך. עקשנ׳ט זיך איין דער משולח און טענה׳ט, אַז ער וועט איהם נאָר זאָגען איין וואָרט. מען האָט דאָס איבערגעגעבען ראָטשילד׳ן און מען האָט ערלויבט דעם משולח אריינצוקומען. דער משולח האָט געהאלטען וואָרט און געזאָגט — „ג מ ר א״.

ראָטשילד: וואָס מיינט דאָס?

משולח: גיב מעות ר׳ אַנשעל.

האָט ער איהם געגעבען.

—„גמרא״—שרייט ווידער אויס דער משולח.

ראָטשילד: וואָס וויטער?

משולח: גיב מעהר ר׳ אַנשעל.

ער האָט איהם נאָך אַמאָל באַפרידיגט.

—„גמרא״—זאָגט דער משולח צום דריטען מאָהל.

ראָטשילד: וואָס וויטער?

משולח: גיב משקה ר׳ אנשעל...

ספירה.

אַ שמש האָט זיך געוויצעלט מיט ראָטשילד׳ן, אַז וואָס ער וויס, ווייס אפילו ניט דער געלערענטער איינשטיין.

ראָטשילד: וואָס ווייסט איהר און ער וויס ניט?

שמש: נו, זאָל ער מיר זאָגען וועלכע ספירה געהט היינט?...

ער וויל פּארקעהרט.

אַמאָל האָט היטלער געשיקט שאַכט׳ן צו באַראָן ראָטשילד וועגען אַן הלואה. ראָטשילד האָט גלייך געפרעגט, וואָס פאַר אַ גאַראַנטיע קאָן דייטש־לאנד געבען, דאָרויף האָט שאַכט אזוי געענטפערט:

— מיר האָבען אין די בערג פיל גאָלד, זילבער, קופּער און אנדערע מינעראַלען.

ראָטשילד: און וואָס האָט איהר אויף דער ערד?

שאַכט: ווייסט איהר ניט הער באַראָן וואָס מיר האָבען? מיר האָבען היטלער׳ן, געבבעלס׳ן און שטרייכער׳ן.

ראָטשילד: יאָ, איך וואָלט אייך געבען אַ הלואה, נאר מיט איין באַדינג: אז דאָס וואָס איהר האָט אויף דער ערד, זאָל זיין אין דער ערד...

אַ בריוועל פון אַ גרינעם.

אַ איד איז אפּגעפאהרען פון אַלד־קאַנטרי קיין אמעריקע און זיין ווייב חיה איז געבליבען אַ „לעבעדיגע אלמנה״ אויף אַ לאַנגער צייט, כאָטש ער האָט איהר געשיקט געלט מיט ליבע בריוועלאך. איינמאָל שרייבט זי איהם אריין אַ שטריינגען בריוו מיט אַ פאָדערונג, אַז ער זאָל זי אָפּנעהמען נאָך אַמעריקע אָהן קיין שום תרוצים... ענטפערט ער איהר אָפּ אַ קורץ בריוועלע בזה הלשון: — „עפר אני בחיי, קל וחמר במתתי״...

זי פארשטעהט ניט, זי טראָגט ארום דאָס בריוועלע פון שוהל צו שוהל מען זאָל איהר דערקלעהרען וואָס דאָס מיינט. זי האָט מורא טאָמער חס ושלום איז איהר מאַן משוגע געוואָרען... עפּעס מאָדנע געשריבען... האָט זיך איינגעפונען אַ משכיל און ער האָט איהר בארוהיגט, אז איהר מאַן איז ביים קלאָהרען זינען... דאָס בריוועלע לייענט זיך אזוי: „עפר אני בחיי״ — אין אַלד־קאַנטרי בין איך געלעגען ביי מיין חיה׳ן אונטער׳ן קנאַפּעל, געווען אזוי ווי ערד, „קל וחמר במתתי״ — אַ פשיטה שוין ווי איך וועל אויסזעהן אַז איך וועל ארויסנעהמען מיין חיה׳ן אין אמעריקע און זי וועט ווערען דאָ אַ מיסעס...

דער צווייג (פון מדרש)

געווען אַ צדיק אַ איד וואָס איז געזעסען יומם ולילה על התורה ועל העבודה. זיין התמדה איז געווען אזוי גרויס, אז ער פלעגט ניט דערעסען און ניט דערשלאָפען, אויסגעטריכען אפילו זיין שעהנע קלוגע ווייב... זומער צייט פלעגט ער זיצען אין זיין פרוכט־גאָרטען צווישען די בוימער ביי א טישעלע און מיט התלהבות, ברען און עקסטאַזש לערנען און פאַרטיפען זיך אין די הייליגע ספרים. זיין ווייב איז ניט געווען צופרידען מיט זיין דרך. זי האָט געטראַכט איהם אַפּצוטאָהן אַ שפּיצעל, אז ער זאָל ווערען מענשליכער. ויהי היום האָט זי זיך שעהן פאַרפוצט, פאַרדעקט דאָס געזיכט מיט א שלייער און אריין אין גאָרטען. זי האָט זיך ארומגעדרעהט ארום זיין טיש...

ער האָט פריהער זי ניט באמערקט, אָבער ענדליך האָט ער אויפגעהויבען זיינע אויגען און דערזעהן פאר זיך אַ שעהנהייט... זי איז אָפּגעשפרונגען און אוועק אין אַן אַנדער אַלייע... דער תנא איז איהר נאָכגעלאָפען...

— ווער זייט איהר, שעהנע פרוי?

— איך בין רחב, אן אויסגעלאַסענע פרוי! . . . (זאָגט זי מיט א פארבייטענער שטימע.

— קען איך זיך נעהענטער מיט אייך באַקאַנען?

— פאַרוואָס ניט, זאָגט זי, נאָר בתנאי אז דו זאָלסט מיר אָפּרייסען דעם הויכען גרויסען פייכטען צווייג פון דעם בוים . . .

שנעל ווי א בליץ האָט ער ארויפגעקלעטערט אויפ׳ן בוים און אראָפּגעריסען דעם צווייג . . .

ווען זיי האָבען זיך פאַנאַנדערגעשיידט האָט זיין געוויסען איהם אָנגעהויבען צו פּלאָגען: סטייטש, טראַכט זיך דער תנא, וואָס איז דאָ פאַרגעקומען? וואו איז געוועזען זיין גראדער שכל... עס ליגט אין איהם א קללה פונ׳ם טייפעל! ער איז א נידעריגע באשעפעניש, די סיטרא אחרא האָט איהם ביי־געקומען . . . אָ! מיט וואס קאָן ער אויסקויפען זיין חטא . . . ער האָט געריסען אויף זיך די האָר, געביסען די פינגער, געוואָלט זיך נעהמען דאָס לעבען . . . נאָר מען טאָר ניט: „המאבד עצמו לדעת אין לו חלק לעולם הבא! . . .״ געוואַלד, וואָס טוט מען? א חטא אַנטקעגען גאָט און אנטקעגען זיין ווייב . . .

ווען ער האָט זיך בארוהיגט האָט ער באשלאָסען צו דערצעהלען וועגען זיין אומגליק צו זיין ווייב. ער וועט זיך מודה ומתודה זיין פאר איהר . . . זיין בזיון וועט זיין אַן אָפּקומעניש פאַר זיינע זינד . . .

אַן איינגעקאָרטשעטער און אַ צובראָכענער איז ער אריין צו זיין ווייב און האָט ביטער געוויינט און דערצעהלט וועגען דעם גרויסען אומגליק וואָס האָט איהם געטראָפען . . . דער יוצר הרע האָט איהם גובר געוועזן . . .

— וויין ניט מיין טייערער, זאָגט איהם זיין ווייב, דו האָסט גאָר ניט געזינדיגט!

— וואָס דו לאַכסט פון מיר, שיטסט זאַלץ אויף מיינע וואונדען? . . .

— ניין, מיין טייערער, דאָס בין איך געוועזן, אָט איז דער עדות — דער צווייג!

— אזוי, אזוי, האָט ער געוויינט פון פרייד . . .

— געדענק, זאָגט איהם זיין ווייב, זיי א מענש עס, טרינק, לער׳ן מיט אַ מאָס תורה און אַנטלויף ניט פון דיין סחורה . . .

אַדווערטייזמענט.

איינער האָט אַדווערטייזט אין צייטונג, אז מען פארלאנגט א יונגען מאַן צו ארבייטען אין א סטאָר. די איינציגע זאַך איז, אז קיין איד זאָל זיך ניט מעלדען פאר דער שטעלע. איז איינער פון אונזערע אחינו בני ישראל, וואָס

האָט נעבאך געדאַרפט אַרבייט, האָט זיך אָנגענומען מיט מוט און איז אוועק צום בעל־הבית בעטען אַרבייט. דער בעל־הבית פרעגט איהם צו וואס פאַר אַ נאַציאָנאַליטעט באַלאַנגט ער? ענטפערט ער איהם אַז ער איז אַ גרעק.

דאַן האָט דער בעל־הבית איהם פאַרגעלייגט אַרויפצוגעהן אפסטערז וואו עס אַרבייט פאַר איהם אַ גרעק, וועט ער הערען ווי ער רעדט זיך דורך מיט איהם אויף גריכיש.

דעם אידען איז אריין דאָס בלוט אין די פיאַטקעס, ער איז נאָכגעגאנגען דעם בעל־הבית אין געהאַקטע וואונדען. קומענדיג אַרויף זעהט ער ווי אַ מאַן שטעהט און פרעסט. דער פרעסער באמערקענדיג דעם אידען און זעהט אין וואָס פאַר אַ לאַגע ער איז, זאָגט ער צו איהם אין מאַמע־לשון:

— „האָט איהם, דעם בעל־הבית אין דר׳ערד!”

דערהערענדיג די ווערטער, זאָגט דער בעל־הבית:

— „איך האָב אייך ביידען אין דר׳ערד”. . .

גשם ושלג.

אַמאָל איז געווען אַ וואַלד־סוחר, וואָס האָט אָפּגעקויפט ביי אַ פריץ אַ וואַלד און נאָכ׳ן קאָנטראַקט נאָך האָט ער געמוזט אויסהאַקען ווינטער דעם וואַלד און אַרויספיהרען מיט שליטענס די קלעצער פון וואַלד. איז ער אוועק־געפאָהרען צו זיין רבי׳ן מיט אַ בקשה ער זאָל מתפלל זיין עס זאָל זיין שניי . . .

— דער רבי האָט איהם מבטיח געווען אַז עס וועט זיין אַ סך שניי דעם ווינטער, נאָר בתנאי ער זאָל איהם געבען אַ פדיון כמספר שלג (שלג באַטרעפט 333).

דער וואַלד־סוחר האָט איהם אָפּגעציילט דריי הונדערט און דרייסיג־דריי רובל און איז אָפּגעפאָהרען אַ צופרידענער.

אויפ׳ן וועג אין אַ קליין שטעטעל האָט ער געטראָפען אַ בכבוד׳יגען רבי אָן אורח. דער סוחר האָט געטראַכט, אַז אין צווייען איז שטאַרקער, לאָז ער אויך מתפלל זיין אַז עס זאָל זיין שניי. ער האָט פאָרגעלייגט דעם רבי׳ן זיין בקשה און דער רבי האָט איהם מבטיח געווען אַז עס וועט זיין אַ סך שניי ווינטער, דער סחר האָט דעם מאָל געהאַנדעלט אַ מציאה איינגאַנצען האָט איהם געקאָסט צעהן רובעל.

די תפלות פון די רבי׳ס האָבען ניט געהאָלפען. ווינטער איז געווען רע־גענס און בלאָטעס. דער סוחר איז בדיל הדל געוואָרען. דער וואַלד־סוחר איז געקומען צו לויפען צום רבי׳ן מיט טענות: „סטייטש, רבי, איך האָב זיך מיט אייך געדונגען? איהר האָט געבעטען אַ פדיון כמספר שלג האָב איך געגעבען, וואָרום איז ניט געווען קיין שניי, נאָר בלאָטעס און רעגען?

דער רבי איז געווען פאַרוואונדערט, היתכן, ווי קען דאָס טרעפען אַזאַ זאַך, און דער רבי פרעגט דעם וואַלד־סוחר: „זאָג מיר, זוהנעלע, אפשר ביסטו געווען ביי נאָך אַ רב׳ן?”

דאַן האָט דער וואַלד־סוחר איהם דערצעהלט אז ער איז געווען ביי נאָך א רבי'ן און יענער האָט גענומען ביליג, נאָר צעהן רובעל.

— פארשטעהסטו מיך, זאָגט דער רבי דו ביסט אליין שולדיג, מיר האָסטו געגעבען 333 רובעל איז טאַקע געווען א פדיון כמספר „שלג" אָבער מיט די צעהן רובעל וואָס דו האָסט געגעבען אַ צווייטען רבי'ן האָסטו קאַליע געמאכט דעם גאנצען עסק, ווארום פון „שלג" איז געווארען גשם . .
(גשם באטרעפט דאָך 343).

דער פרעהליכער חסיד.

א חסיד וואָס האָט ליעב געהאט זיך צו קיבעצען, איז אריינגעפאָהרען אין אַ קליין שטעטעלע. ער האָט פאַנאַנדער געפרעגט דעם בעל־אכסניה וועגען דעם מצב און מספר פון די בעלי־הבתים פון שטאָדט. דער בעל־הבית האָט איהם דערצעהלט אז עס איז דאָ אין שטעטעל א מנין מענשען און זיי פאַרמאָגען א שוהל און א בית־הקברות.

וויצעלט זיך דער חסיד און פרעגט איהם:

— צו וואָס ביידע, אי אַ שוהל, אי אַ בית־הקברות? ממנפשך וועט פון אייך אייבער חו"ס שטאַרבען דאַרפט איהר דאָך ניט קיין שוהל, עס וועט דאָך קיין מנין ניט זיין, און אויב איהר קלערט אייביג לעבען, טאָ צו וואָס דאַרפט איהר א בית־הקברות? . . .

— פארשטעהט איהר ר' איד — האָט דער בעל־אכסניה געענטפערט:

— דעם בית־הקברות האַלטען מיר פאר אורחים . . .

גוט־וואָך.

איז געגאַנגען א משולח פון זיין היים נאָך שלש סעודות אין שוהל צו מעריב. ער האָט געפונען אויפ'ן גאַס א גאָלדענעם פינפערעל. ער האָט די מטבע פאַרדעקט מיט'ן פוס און געבליבען שטעהן אויפ'ן אָרט. ער שטעהט און שטעהט און ריהרט זיך ניט פון אָרט. געהט פאַרביי א גאָראָדאָוואָי (א פאָליסמאַן) און פרעגט: „וואָס שטעהסטו דאָ?"

— „עט—טע—מע" — ענטפערט ער.

דער פאָליסמאַן איז געווען ניט קיין שלעכטער האָט ער איהם אָפגעלאָזען. דער איד בלייבט שטעהן און ריהרט זיך ניט פון אָרט. צוגעקומען אַ צווייטער פאָליסמאַן און פרעגט איהם — „וואָס שטעהסטו דאָ?"

— „ניצעגאָ" (גאָרנישט) ענטפערט דער משולח.

דער פאָליסמאַן שטעלט זיך ניט צופרידען מיט זיין ענטפער. ער מיינט אז דער איד לאַכט פון איהם, און איז איהם מכבד מיט אַ פאַטש אין שטערען . . .
און אין דעם פאַטש אין שטערען איז געווען מעהר ווי גאָרנישט . . .

דער איד האָט זיך אַ צאַפּעל געטאָהן, א קוק געטאָהן אין דער הויך און דערזעהן די שטערען אין הימעל . . . האָט ער זיך פאַרבאַנדערגעשריען: „גוט וואָך, גוט וואָך״. . .

אַ כאַפּ געטאָהן דעם גאָלדענעם פינפערעל און געמאכט אַ ויברח . . .

רבי יוסי הגלילי'ס שלעכטע פרוי.

אזוי ווי צווישען מענער זיינען דאָ גוטע און שלעכטע, אזוי איז צווישען פרויען אויך דאָ גוטע און שלעכטע. נאָר די מענער באמערקען ניט זייער אייגענע חסרונות, אָבער די חסרונות פון די פרויען זעהען זיי גוט ארויס. למשל וועגען א שפענדערקע אַ פרוי איז דאָ אַ וויץ: איינער האָט זיך געוואונדערט אויף פרעה'ס חלום ווי קען דאָס זיין זיבען דאַרע בהמות זאָלען איינשלינגען זיבען דיקע? וואָס וואונדערסטו זיך אזוי, אָט האָב איך זיבען גרויסע ביכער פון הכנסה, זאָגט דער צווייטער, אין מיין אָפיס, און מיין ווייב האָט א קליין ביכעלע, וואו זי פארשרייבט איהר הוצאה, איז איהר קליינע ביכעלע שלינגט איין אלע מיינע גרויסע זיבען ביכער . . .

שלמה המלך רעדט וועגען שלעכטע פרויען און וועגען גוטע פרויען: „אדם אחד מאלף מצאתי ואשה בכל אלה לא מצאתי״ (קהלת ז.) — „איין מאַן פון טויזענט האָב איך געפונען, נאָר איין פרוי צווישען אַלע, האָב איך ניט געפונען״. דאָס מיינט שלמה המלך צו פאַרשטאַרקען דאָס לעבען צווישען מאַן און פרוי, אז איינע קיין רעכטע איז ניטאָ צווישען טויזענט ווייבער, כדי איט־ליכער זאָל זיך צופרידענשטעלען מיט זיינע, ניט נאָכקוקען נאָך פרעמדע, וואָ־רום א פרעמדע איז אויך ניט קיין רעכטע . . . דאַרפען די פרויען ניט ברוגז זיין אויף איהם.

אָבער ער באגעגענט (א חוץ זיינע טויזענט פרויען), א טיפּ פרויען וואונדערליכע מיט א גוטען כאראקטער און מיט אלע מעלות, דער סימבאָל היושר והצדק — ער באַזינגט זיי און זאָגט: „אשת־חיל מי ימצא, רחק מפנינים מכרה״ (משלי ל״א) — ווער קען געפינען א טוגענד־האפטע פרוי, איהר פרייז איז פיל טייערער פון פערל —און אז א איד קומט פון שוהל נאָך קבלת שבת זינגט ער אין זיין הויז: „אשת חיל״.

עס ווארפט זיך אויך דורך אין תלמוד, תנ״ך, ספרים, פילע ווערטלאך פתגמים, וועלכע זיינען זעהר בולט וועגען פרויען: „אשה רעה צרעת לבעלה״ (יבמות ס״ג) — פארדאָרבענע פרוי, איז אַ פלאָג פאר דעם מאן ביז זיין טויט... — כתוב בספר בן סירא: „אשה טובה מתנה טובה לבעלה״ — א גוטע פרוי איז אַ גוטע מתנה פאר איהר מאַן — „בחיק ירא אלקים תנתן״ — אָבער ניט אלע קריגען דאָס; דער מאַן מוז ווערט זיין צו קריגען אַזאַ סאָרט פרוי. ער מוז זיין

א ירא שמים און מיט גוטע מדות. נאָר אין לעבען טרעפט אז אפילו צדיקים פאַלען אָפט מאָל אריין און נעהמען אן „ארורה" אזוי ווי למשל אין ספר „נפלאות הזהר" ווערט דערצעהלט וועגען א תנא רבי יוסי הגלילי'ס שלעכטע פרוי, רבי יוסי הגלילי האָט געהאט א שלעכטע פרוי, זיין שוועסטערס אַ טאָכ־טער ,זי פלעגט איהם מבזה זיין פאר די תלמידים און איהם קאָכען אזעלכע געריכטען וואָס ער האָט ניט געגליכען. די תלמידים האָבען ניט געוואָלט ליידען אַזאַ פחיתת־הכבוד פון זייער רבי און ארויסגעזאָגט זייער מיינונג אז מען דאַרף איהר גט'ן.

דער רבי האָט געזאָגט אז איהר כתובה איז זייער א גרויסע און ער פארמאָגט ניט אזויפיל.

איינמאָל האָט דער תנא רבי יוסי הגלילי מיט זיין חבר רבי אליעזר צוזאמען געלערענט. זיי זיינען געווען אין א גוטער שטימונג, ווארום זיי האָבען פיל געלערענט מיט הנאָה. נאָכ'ן לערנען האָט רבי יוסי הגלילי פארבעטען רבי אליעזר'ן צו זיך אהיים פאר א מאָלצייט. ווען זיי זיינען אריין אין הויז איז רבי יוסי הגלילי'ס ווייב געווען גאָר גלייכגילטיג צו די געסט און געקליבען זיך אוועקגעהן.

— וואָס פאר א מאכל איז דאָ אין יענעם טעפעל? פרעגט רבי יוסי הגלילי.

— אַרבעס, ענטפערט די ווייב. וואָס ער גלייכט ניט.

ווען זי האָט פאַרלאָזען דאָס הויז, האָט רבי יוסי הגלילי געפונען אין טעפעל קרעפלאך . . .

— זי האָט דאָך געזאָגט ארבעס . . . זאָגט ר' אליעזר.

— דאָס איז מעשה נסים: די ארבעס האָבען געבאָרען קרעפלאך . . . האָט זיך געוויצעלט רבי יוסי הגלילי.

זיי האָבען געהאט א גוטען מאָלצייט און אליין זיך באַדינט . . .

רבי אליעזר האָט פארשטאַנען וואָס פאר א סחורה מיט א גלאנץ זיין חבר האָט . . .

רבי יוסי הגלילי האָט אויסגעגאָסען פאַר זיין פריינט זיין ביטער האַרץ און באמערקט אז איהר כתובה איז אַ גרויסע . . .

רבי אליעזר האָט אויסגעהאָלפען מיט געלט זיין חבר און רבי יוסי הגלילי האָט אָפגעג'גט זיין ווייב. די ווייב פון ר' יוסי הגלילי האָט חתונה געהאַט מיט'ן היטער פון שטאָדט. אין א קורצע צייט ארום איז איהר נייער מאַן בלינד געוואָרען. זי האָט איהם געפיהרט איבער די הייזער זאַמלען נדבות, נאָר די הויז פון רבי יוסי הגלילי האָט זי אלעמאָל אויסגעמידען.

דער בלינדער האָט ביי איהר געמאַנט אז זי זאָל איהם פיהרען צו רבי יוסי הגלילי, ווארום ער איז באוואוסט פאַר אַ גרויסען בעל־צדקה. זי האָט בשום אופן ניט געוואָלט. ער האָט איהר געשלאָגען. מען איז צונויפגעלאָפען.

דאָס איז אלעס פארגעקומען אויף דער גאַס פון רבי יוסי הגלילי. דער תנא האָט געפרעגט וואָס איז דאָס פאַר א טומעל און ווען ער האָט זיך דערוואוסט פון אלעס וואָס עס איז געשעהן האָט ער, רבי יוסי הגלילי זיי געשטיצט און מעהר זיינען זיי שוין קיינמאָל ניט געגאנגען זאַמלען נדבות.

אַ בריוו פון אַ חלוץ — סאָלדאַט.

מיין טייערע דבורה, אויג פון מיין קאָפּ!

איך קען דיר שרייבען, אז איך האַלט לעצטענס אין איין לויפען אָהן אָטעם. דאָס איז ניט חלילה דערפאַר, וואָס אונזער אַרמיי אַנטלויפט פאַר׳ן שונא, נאָר פאַרקערט, דער שונא לויפט אזוי שנעל פון אונזערע קלעפּ אין ליביע, אז מיר קענען איהם ניט נאָכלויפען. געה וויים, אַז ראָמעל איז אַזאַ געניאַלער לויפער!

איצט רוהען מיר אין לאַגער וואָס אין מיט׳ן מדבר. ס׳איז דאָ ניט לאַנג־וויילig. די קאַנאָנען קנאַלען און די עראָפּלאַנען רוישען. אָהן דעם וואָלטען מיר שוין ניט געקענט אפילו איינשלאָפען.

אין מיין מוח פלאָנטערען זיך איצט אלערליי געדאנקען. ווי געפעלט עס דיר? אין מיט׳ן דערינען פארטראָגען מיר די געדאַנקען גאָר צוריק צו אונ־זער שטעטעל ר... וואו מיר זיינען ביידע געבוירען געוואָרען. אונזער ליעב שטעטעל לאַקט, ווינקט צו מיר און רופט מיך צו זיך: געדענקסט? ווען מיר זיינען נאָך קינדער געווען האָבען מיר זיך געשפּילט אויפ׳ן זאַמדיגען ברעג־טייך, געבויט הייזקעלאך און קרעפּאָסטען (פעסטונגען) פון זאַמד דערנאָך גע־מאַכט אַן אַטאַקע און מיט קינדערשען ברען זיך ארויפגעוואָרפען אויף זיי און פאַרניכטעט. אָט פונקט אזוי פיהרט זיך אויף דער גאנצער וועלט. פריהער בויט מען און נאָכדעם פארניכטעט מען וואָס מען האָט געבויט.

יאָ, בין איך הייסט עס צוריק אין אונזער שטעטעל. אָט געה איך מיט מיינע חברים צום „צעווענער קוואַל״, אויף וועלכען מען זאָגט, אז זיין וואַסער איז א רפואה צו די אויגען. פון דאָרטען לאָזען מיר זיך ארונטער אין טאָל און באַהאַלטען זיך צווישען דעם הויכען קאָרן זיך רופענדיג פון צווישען דער באהעלטעניש: הו־האַ! — וואו ביזטו?! און דער ווידערקלאַנג ענטפערט מיט די זעלבע אויסגעשרייען. מיר בלאָנדזשען צווישען דער שטייגענדיגער תבואה אַ לאַנגע צייט ביז מיר געפינען זיך איינע די אנדערע אויס און דערנאָך אַלע איניינעם היידאַ זיך באָדען און קריסטאָלענעם טייכעל, לעבען וואַלד, קייקלען זיך אין דעם הייסען זאַמד, פאַרמעסטען זיך ווער עס וועט אריבערשווימען דעם טייך און וויפיל „בלינעס״ איטליכער פון אונז וועט מאַכען מיט א ליימע־נעם שערבעל, ווי ליעב דאָס אלץ איז געווען! גאָלדענע יוגענט־טעג, זוניגע ליכטיגע טעג, וואָס זיינען אוועק מעהר ניט צוריקצוקומען . . .

עס דערמאָנט זיך אויך, געדענקסט טייערע מיינע, ווען מיר האָבען זיך צום ערשטען מאָל פאראינטערעסירט מיט די אידעאַלען פון תחית הלאום און מיט יוגענט ברען זיך אריינגעוואָרפען אין דער „החלוץ״ באַוועגונג. דו האָסט באקומען דעם צונאָמען דבורה הנביאה און מיך האָט מען באטיטעלט אַלס „מבשר״. איינער וואָס זאָגט אָן — אַז די גאולה קומט . . . מיר האָבען באַשטימט צו פאָהרען קיין ארץ ישראל און זיך צוגעגרייט צו זיין חלוצים, צו אונזער פרייד איז ניט געווען קיין גרעניץ ווען אונזער גרופע חברים און חברות זיינען אָפּגעפּהרען צו אונזער ארץ אבות — צו אונזער לאַנד, וואו עס שוועבען אַרום די נשמות הקדושות פון אונזערע אָבות, נביאים און פּאָעטען.

זייענדיג אין „ארץ ישראל״ האָבען מיר זיך צופרידענגעשטעלט מיט אַ שטיקעל ברויט און אַן אוגערקע אָדער אַ ציבעלע אָבי צו קענען זיך נוצליך מאַכען. מיר האָבען זיך געווידמעט צום לאַנד מיט אלע קרעפטען. מיר האָבען געאַרבייט אין אַ קיבוץ, געמאכט שאָסייען, געגראָבען ברונימער, געהאַקט שטיינער, געמישט צעמענט. מיר פלעגען פארטיידיגען אידישע פעלדער און וויינגערטנער, שייער׳ן און בהמות געגען בעדואינישע רויבער, גנבים אָדער אַנפאלער.

דאָס איז אלץ געווען איידער איך האָב זיך אָנגעגעבען אַלס פרייוויליגער סאָלדאַט. פאַר מיין אָפּפאָהרען צום פראָנט האבען מיר חתונה געהאט. חז״ל זאָגען דאָך: „ בן שמונה עשרה לחופה״ — נו, האָבען מיר מקיים געווען . . . נאָר, ליבע דבורה, איך האָב ניט געהאנדעלט ריכטיג, די חתונה האָב איך געדאַרפט אָפּלעגען ביז נאָך דער מלחמה און דאָס מוטשעט מיך. אין כי תצא ווערט געשריבען: „מי אשר בנה בית חדש, אשר נטע כרם, אשר ארש אשה — ילך וישוב לביתו — ווער עס האָט געבויט אַ נייע הויז, פאַרפלאַנצט אַ וויינגאָרטען, פאַר׳קנסט אַ פרוי, זאָל ער זיך צוריקקערען צו זיין הויז. נו, איך האָב דאָך פאַר׳קנס׳ט אַ פרוי . . . זאָל איך זיך צוריקקערען צו דיר ? . . . צו מיינע עלטערען ? . . . ניין, הונדערט מאָל ניין! טייערע מיינע! דער פסוק רעדט דאָ וועגען אַ מלחמה, וואָס ווערט פאַרפירט פון דער מלוכה קעגען אַ צווייטע צוליב עקאָנאָמישע אָדער פּאָליטישע עראָבערונגען. אָבער דאָ ביי אונז איז איצט אַ „מלחמת מגן״. אָבער ניט „מלחמת רשות״ — דאָס הייסט: אַ פאַרטיידיגונגס קאַמף, דער שרעקליכער שונא ישראל און שונא עולם איז אונז באַפאַלען און וויל פאַרכאַפּען און אונטערדריקען די גאנצע וועלט, אלזאָ איז דאָס אַ „מלחמת מצוה״, אַ הייליגער קאַמף. און דער דין איז אזוי: „במלחמת מצוה הכל יוצאין, אפילו חתן מחדרו וכלה מחופתה״ (סוטה מ״ד ע״ב). אין אַ פאַרטיידיגונגס קאַמף מוזען אלע געהן. אפילו אַ חתן פון זיין צימער און אַ כלה פון אונטער דער חופה — אלע איינעם צו ראַטעווען אונזער לאַנד, וואָס שטעהט אין געפאַר.

און איך ווייס מיין טייערע, אַז דו טראַכסט דאָס זעלבע וואָס איך, וואָרום דו האָסט זיך אויך אָנגעגעבען פאר אַ נוירס, נאָר איין זאַך עגבערט מיר

מיין מוח און עס גיט מיר ניט קיין רוה: ווילען מיר כאָטש קומען צו דער „גאולה״?

עס דערמאָנט זיך מיר א מעשה׳לע, וואָס איז פארגעקומען אמאָל אין רוס־לאַנד, אין א קליין פארוואָרפען שטעטעלע: די מענער האָבען דאמאָלסט וויִנ־ציג געטאָן אין געשעפט, די גאנצע ארבייט פלעגט ליגען אויף דער פרוי. זי פלעגט זיין דער מפרנס, און ער — דער בטלן. איינמאָל האָט א פרוי מיט׳ן נאָמען שרה וואָס פלעגט איהר לעבענס־מיטעל ציהען פון בייגעל באַקען, זאָגט צו איהר מאַן: „שמואליק, מאָרגען מוזטו מיר העלפען פארקויפען די בייגעל, ווארום עס זיינען אָנגעקומען נעכטען אָוונט קאָזאַקען.״

„אודאי וועל איך דיר העלפען פארקויפען די בייגעל און דערפאר וועל איך דאַוונען ותיקים״ — ענטפערט איהר דער מאן שמואליק.

אין דערפריה האָט די פרוי שרה ארויסגענומען די הייסע בייגעל פון אויוועז, אָנגעלאָדען דעם מאָן מיט צוויי גרויסע קאָשיקעס. שמואליק האָט פאַרקאָמט די באָרד, ארומגעבונדען די גרויסע זשופיצע מיט א גארטעל, גענו־מען די צוויי קאָשיקעס מיט בייגעל און אוועק צו די קאָזאַקען פארקויפען. גלייך ווי די קאָזאַקען האָבען דערזעהן דעם פארשוין, האָבען זיי אויסגעשאָסען א געלעכטער און זיך אַ לאָז געטאָן צו די בייגעל און צוכאַפּט, ניט באצאָלענדיג דערפאַר.

שמואליק איז געקומען אהיים א פארסאַפּעטער און זאָגט צו זיין פרוי:

— שרה, איך חלש עסען!

— געה וואַש זיך, עס איז אלעס געגרייט צום טיש.

שמואליק האָט זיך געוואשען און געמאכט א מוציא. זאָגט זיין ווייב, שרה צו איהם:

— דו האָסט עפּעס צו שנעל פארקויפט די בייגעל, וואו איז דאָס געלט?

— וואָס פאַראַ געלט? — זאָגט ער, זיי האָבען די בייגעל צעכאַפּט אָהן געלט . . .

— איצט זעה איך, שמואליק — זאָגט שרה — אז דו ביזט דער ריכטיגער בטלן, מילא צעכאַפּט — דערויף זיינען זיי דאָך קאָזאַקען . . . אָבער ווארום ביזטו געקומען א הונגעריגער? אַלע האָבען געכאפּט, האָסטו דאָך אויך געקענט כאַפּען! . . .

מיט איין וואָרט, מיין טייערע, אלע פעלקער וואָס קעמפען איצט אנטקע־גען שונא ווילען נאָך דער מלחמה אויפגעריכט ווערען און אריינכאַפּען זעלבסט־שטענדיגקייט און מיר אידען וואָס פארגיסען אונזער בלוט אויף אלע שלאַכט־פעלדער דארפען זעהן אויך אונזער דערלייזונג — דורך אריינכאַפּען. אלע ווילען כאַפּען, טאָ דאַרפען מיר אויך אריינכאַפּען און ניט זיין ווי יענער שלימזל.

דיין אייביגער טרייער מאן,

„ה מ ב ש ר״

הכנסת ־ אורחים.

אַמאָל איז געפאהרען דער ריזינער צדיק מיט זיינע חסידים און שמש זאַמלען געלט פאר פדיון־שבוים. מיט גרויסע נדבות פלעגען זיך אויסצייכ־נען די רייכערע אַרענדאַטאָרס, קרעטשמערס, האָלץ־סוחרים.

איינמאָל האָט אַ רייכער ארענדאַטאר באמערקט אַז דער רבי מיט זיין סוויטע פאָהרען אָן. האָט ער פאַרשטאַנען אז עס שמעקט מיט א גרויסע פייטיקע . . . האָט ער זיך געכאַפּט אויף אַ שפּיצעל און זאָגט צו זיין ווייב אַז זי זאָל זאָגען אַז ער איז ניטאָ אין דער היים . . . אַליין האָט האָט ער זיך באַהאַלטען אויפ׳ן בוידעם אין די היי . . .

דער ריזינער צדיק מיט זיינע העלפער זיינען אריין אין הויז, זיך באַגריסט, און געפרעגט וועגען בעל־הבית.

די ווייב זאָגט ער איז אָפּגעפאָהרען וועגען ביזנעס, מען איז רק פאר־שמאַיעט . . . קיין שום מנוחה ניטאָ . . .

דער ריזינער צדיק האָט פאַרשטאַנען נאָך איהרע רייד נאָך אז דער בעל־הבית איז יאָ דאָ.

דער ריזינער האָט א וואונק געטאָן צום שמש . . . דער שמש האָט אויסגענורעט אלע לעכער און האָט דעם בעל־הבית אויסגעפונען אויפ׳ן בוי־דעם אונטער די היי . . . מען האָט איהם געבראַכט פאר׳ן ריזינער, זאָגט דער צדיק:— „ביז היינט האָב איך ניט פאַרשטאַנען די גמרא וואָס זאָגט: גדולה הכנסת־אורחים יותר מקבלת פני השכינה״ — וואָס הייסט אויפנעהמען אַ גאַסט איז גרעסער ווי אויפצונעהמען די שכינה? — נאָר ביי קבלת פני השכינה שטעהט: „ויסתר משה את פניו כי ירא מהביט אל ד׳״ — און משה האָט פאַרבאָרגען זיין געזיכט ווייל ער האָט זיך געשראָקען צוקוקען אויף גאָט — משה רבנו האָט מעהר ניט ווי זיין געזיכט באַהאַלטען און דאָ ביי הכנסת־אורחים האָט זיך דער ארענדאַטאר אינגאנצען באַהאַלטען אין די היי... פאַר דערפאַר איז הכנסת־אורחים גרעסער . . .

אנא ד׳ הושיעה נאָ.

ר׳ איצעלע זצ״ל דער צדיק, הרב מרעזיצע, פלך וויטעבסק, האָט ניט געגליכען אז אידען פאָהרען אַפּ נאָך אמעריקע, ווייל נאָך זיין מיינונג איז מען דאָרטען ניט פרום. קומט אַ איד צו ר׳ איצל׳ן און בעט ביי איהם אַ ברכה וואָרום אָהן דעם רבי׳נס וואונטש האָט ער מורא זיך צו לאָזען אין אַזאַ ווייטען וועג.

— האָט איהר דאָ פרנסה, ר׳ חיים? פרעגט איהם דער רב.

— יע, רבי, איך האָב הייזער און געשעפטען ב״ה, נאָר מען זאָגט אז אין אמעריקע שעפּט מען מיט לאָפּעטעס גאָלד . . .

— נו, זאָג איך אייך איהר זאָלט ניט פאָהרען.

אויף מאָרגען קומט אַ צווייטער איד ר׳ דלפן, אַ פאַר׳חשכ׳טער, און בעט ביים רבי׳ן ברכת־הפרידה, ער פאָהרט נאָך אַמעריקע.

— מאַכט איהר דאָ אַ לעבען, ר׳ דלפן ? פרעגט ר׳ איצעלע.

— אַ, נייך, רבי, זיפצט זיך אָפּ דער איד, איך בין אַ דלפן שבדלפנים אין זיבען פּאָלעס, איך וואַרף זיך, רבי, ווי אַ פיש אין וואַסער, עס איז ביטער ווי דער טויט, גאָט זאָל א רחמנות האָבען.

—מיט וואָס וועט איהר פאָהרען אין אמעריקע ?

—מיינע קינדער האָבען מיר צוגעשיקט א שיפסקאַרטע.

— פאָהרט לחיים ולשלום, זייט מצליח, איהר זאָלט דאָרטען זיין אַן אָרענטליכער איד.

ר׳ חיים דער גביר האָט זיך מתקנא געווען אַן דלפנ׳ען וואָס איהם האָט זיך איינגעגעבען צו קריגען די ברכה פון רב און איז ווייטער אוועק צו ר׳ איצל׳ן.

— מיט אַ פּאָר טעג צוריק ביסטו דאָך געווען ביי מיר, וואס ווייטער? פרעגט איהם ר׳ איצעלע.

—רבי, איך מוז פאָהרען, גיט מיר אייער ברכה אויפ׳ן וועג אזוי, ווי איהר האָט געגעבען דלפנ׳ען, זאָגט ר׳ חיים.

— הער, זוהנעלע, זאָגט איהם ר׳ איצעלע, בעת אידען בענטשען אתרוג סוכות איז ביי „אָנאָ ד׳ הושיעה נאָ״ שאָקעלט מען מיט׳ן אתרוג לימין ולשמאל, למעלה ולמטה וכ׳ נאָכ׳ן דין נאָך, אָבער ביי „אָנאָ ד׳ הצליחה נאָ״ שאָקעלט מען ניט מיט׳ן אתרוג. ר׳ דלפן האָלט ביי „אָנאָ ד׳ הושיעה נאָ״ מוז ער נעבאך שאָקלען מיט׳ן אתרוג, זיין נע ונד — וואָלגערען זיך ביז וואַנען גאָט וועט איהם צו שיקען א ישועה׳לע. אָבער איהר ר׳ חיים, האָלט דאָך ביי „אָנאָ ד׳ הצליחה נאָ״ — שאָקעלט מען ניט ביי דעם מיט׳ן אתרוג. — אייך פעלט דאָ אויך גאָרנישט טאָ צו וואס צו זיין נע ונד און פארשוואַרצט ווערען? „אשרי יושבי ביתך״ !

נאָך די קלוגע רייד איז חיים פארבליבען א צופרידענער אין דער היים.

די וואַלינקעס.

פון מיין זיידען, דעם צדיק זי״ע ר׳ איצעלע ציוני מרעזיצא, פּלך ווי־טעבסק, האָבען געהאַלטען סיי אידען און סיי קריסטען. ער איז געווען באַ־ליבט ביי אַלעמען. כאָטש דער גרויסער ענו איז ניט געווען צופרידען אז

מען פלעגט איהם האַלטען פאַר אַ גוטען איד. דער זיידע פלעגט תמיד זאָגען: וואָס געהן זיי צו מיר, וואָס בין איך אַ גוטער איד ? . . .

איינמאָל, געדענק איך, איז געקומען צו איהם א קריסטין — אַ סטאַר־קיפּערס אַ ווייב, — זי האָט יאָמערליך געוויינט און געשריען:

— „רבי, ספּאַסאי, מאַי מוזש אומיראַיעט״!

דער זיידע האָט ניט פאַרשטאַנען קיין רוסיש, פרעגט ער מיר: וואָס וויל די ערעלטע? — האָב איך איהם דערקלעהרט: „זי זאָגט אז איהר, זיידע, זאָלט ראַטעווען, איהר מאַן שטאַרבט אָפּ!״

דער זיידע האָט מיר געזאָגט — זאָג איהר, דער ערעלטע, אז איהר מאַן בעה״י וועט געזונט ווערען, זאָל ער אין טאָג פון זיין טאַטענס יאָהרצייט געבען צדקה גלייך סיי צו קריסטען און סיי להבדיל צו אידען.

איך, אלס מליץ, האָב פאַר דער גויע איבערזעצט וואָס דער זיידע האָט געזאָגט: די גויע האָט אויפגעלעבט, באַדאַנקט און צוגעזאָגט זיין גוט און פרום און איז אוועק אַהיים.

גאָט האָט געטאָן א נס און דער פויער איז געזונט געוואָרען. ער האָט אָפּגעהיט זיין ווייב׳ס צוזאָג צו דעם רבי׳ן. פילע יאָהרען, ווינטער אין אַ באַשטימטען טאָג פון זיין פאָטערס יאָהרצייט פלעגט שטעהן א גרויסע לאַין ארימעלייט לעבען זיין סטאָר און דער פויער פלעגט טיילען גלייך סיי צו קריסטען און סיי צו אידען — וואָלינקעס.

דער מגיד און דער שניידער.

אין אַלדקאַנטרי אין א קליין שטעטעל איז געווען א שניידער ירוחם, וועלכער האָט זיך קונה שם געווען מיט זיין נייען „זשופּעצים״ — דער מגיד פון שטעטעל האָט באַשטעלט ביי איהם אויך אַ זשופּעצע. עס איז אריבער א היבשע צייט און ער ברענגט ניט אָפּ דעם מגיד די זשופּעצע. קומט דער מגיד זיך אויס׳טענה׳ען מיט איהם:

— ר׳ ירוחם, היתכן, וואָס איז מיט אייך . . . די זשופּעצע . . . אַזאַ לאַנגע צייט ? ! . . .

— ר׳ מגיד, ענטפערט דער שניידער, האָט קיין יסורים ניט, וואָס איך וועל איהר מעהר נייען, וועט זי זיין שטאַרקער . . .

— געוואַלד, ר׳ ירוחם, זאָגט דער מגיד, דער רבונו של עולם האָט באַשאַפען אַ שעהנע וועלט אין זעקס טעג און איהר קענט ניט באַשאַפען א זשופּיצע אין זעקס חדשים ? ! . . .

— יאָ, ר׳ מגיד, ענטפערט דער שניידער, טאַקע דערפאַר האָט אַזאַ פּנים די וועלט, וואָס זי האַלט זיך אין איין רייסען . . .

דער קיסר, פויפסט און וואסער־טרעגער.

געווען א מלך אַן אוהב ישראל און דער פויפסט — אַ שונא ישראל. דער מלך האָט זיך געוואָלט פאַר'ן פויפסט מתודה זיין זיך אויף זיינע זינד, זאָגט דער פויפסט צום קיסר:

— איך האָב ניט קיין אָרט פאַר דיינע עבירות!

— וואס פאר עבירות האָב איך געטאָהן? פרעגט איהם דער קיסר.

— די אידען האָבען אונזער גאָט אומגעבראַכט, דו פאַרפאָלגסט זיי ניט, און דו גיסט צו די אידען אַלע רעכט נאָך מעהר ווי צו די קריסטען.

— די רוימער זיינען שולדיג אין אומברייננגען — אָבער ניט די אידען! ענטפערט דער מלך.

— איך געה ניט אריין מיט דיר אין וכוחים... ענטפערט דער פויפסט.

— געפין אַן אָרט אויף מיינע עבירות, זאָגט דער קיסר, און איך גיב דיר מיין וואָרט אז איך וועל אריינרופען א אידען פון גאַס, וואס וועט ארויס־געהן דער ערשטער אין דער פריה, דו וועסט מיט איהם האָבען א וכוח אויב דו וועסט איהם מנצח זיין, גיב איך דיר מיין וואָרט אז דו וועסט מיר ארויס־געבען א צעטעל וואָס פאר גזרות איך זאָל ארויפלייגען אויף די אידען וועל איך דאָס טאָהן.

דער פויפסט האָט זיך צופרידענגעשטעלט מיט'ן קיסר'ס צוזאָג און האָט איהם מכפר געווען אויף זיינע עבירות.

דער קיסר האָט באַפעלען גלייך ווי עס וועט אָנהויבען צו טאָגען, וואָס פאַר אַ איד עס וועט זיך ארויסווייזען אוי'ף גאַס דער ערשטער, זאָל מען איהם ברייננגען צום קיסר אין הויף אריין. די פּאָליצייי האָט לאַנג גע־וואָרט און געפּאַקט דעם ערשטען אַ וואַסער־פיהרער. דער איד איז געווען אַ בן חמשים, א קורצער און אַ דיקער, מיט אַ פּאָר שוואַרצע אויגען און אַ ברייטען שטערען; אָנגעטאָן מיט גרויסע שטיוועל, מיט א צוריסענעם פעלצל, ארומגעגארטעלט מיט א שטריק. זיין קאָפּ איז געווען פול מיט פעדערען מחמת דער קושען איז געווען צוריסען; אויף וועלכען ער איז געשלאָפען . . .

דער וואַסער־פיהרער האָט געציטערט ווי אַ בלאַט . . . ווען מען האָט איהם געזאָגט אז ער דאַרף זיך שטעלען פאַר'ן קיסר . . . ער האָט גע־טענה'ט אז ער איז אַן אומוויסענדער מענש, ער קען ניט ריידען פאַר'ן קיסר. די פּאָליציי האָט ניט געקוקט אויף קיינע גליקען און גענומען איהם מיט גוואַלד צום קיסר, ער האָט געוויינט, געבעטען זיך, קיין זאַך האָט ניט גע־האָלפען . . .

דער פויפסט איז געקומען גאַנץ פריה צום קיסר מסתמא איז דאָ אַ איד. מען האָט אריינגעפירט דעם איד'ל צום קיסר.

— ווער ביסטו ? פרעגט איהם דער פויפסט.

— אַ איד.
— וואָס איז דיין מלאָכה ?
— אַ וואַסער־פיהרער.
— האָסטו אַ גרויסע פאַמיליע ?
— אַ ווייב מיט נייען קינדער און דאָס צעהנטע דאַרף קומען . . .
איך בין א פּראָסטער מענש, איך וויס ניט דיין טיטול ווי דיר אָנצו־רופען, איך וועל דיר רופען פריץ . . .
— רוף מיך, פּריץ, זאָגט דער פּויפּסט, הער איד, שמד זיך ! וועל איך דיר געבען א אימעניע, וועסט ווערען אַ פּאַמעשטשיק !
— איך קען מיין טאַטענס צוואָה נישט ברעכען ! ענטפערט דער וואַ־סער־פיהרער.
— וואָס פאַר אַ צוואָה האָט דער טאַטע דיר געלאָזען ?
— דער איד האָט איהם אָנגעהויבען אויסרעכענען זיין יחוס, דער זיידע מיינער איז געווען א וואַסער־פיהרער; ביי די עלטערע יאָהרען האָט מיין זיידע איבערגעגעבען דעם מסחר צו מיין טאַטען; אז מיין טאַטע איז געוואָרען שוואַך צו טראָגען די עמערס וואַסער האָט דער טאַטע מיך אריינ־גערופען און געזאָגט: איך בין שוין שוואַך צו ארבייטען, גיב איך דיר איבער מיינע געשעפטען און ווינש דיר צו האָבען פרנסה מפרנס צו זיין דיין פאַ־מיליע. נאָר איין זאך זאָג איך דיר אָן מיין זוהן, זאָלסט געדענקען אז דאָס פערדעל וועט ווערען שוואַך זאָלסטו איהם ארויספיהרען אויפ׳ן יריד און זאָלסט דאָס פארבייטען אויף אַן אַנדער פערד, נאָר דו, זוהן מיינער, געדענק, טאָמער וועט מען וועלען ביי דיר צוגאָב זאָלסטו זיך בייטען. נאָר טאָמער וועט מען וועלען דיר צוגעבען, זאָלסטו אנטלויפען און ניט וועלען ריידען מיט יענעם, ווייל יענעמס פערד איז נאָך ערגער פון דיינעם. היינט ווי אזוי קען איך פארבייטען מיין אמונה אז דו גיסט מיר צו אזאַ גרויסען צוגאָב, איז דאָך א סימן אז דיין אמונה איז דאָך ערגער פון מיינער. היינט ווי אזוי קען איך דאָס טאָהן ? —
דער פּויפּסט האָט ניט געהאַט וואָס צו ענטפערען . . . ער האָט זיך געווענדעט צום קיסר און געזאָגט: קיסר, אַז דו ליבסט אידען ביזטו גערעכט, ווען אַזאַ פּראָסטער מענש האָט מיר געקענט פאַרדרייען דעם קאָפּ און באַ־זיגען . . .

דער זיווג.

אין דער ישיבה ר. זיינען געזעסען די ישיבה בחורים און האָבען גע־לערענט מיט גרויס התמדה. איז אריין דער רב, וואָס ער איז אויך געווען דער ראש הישיבה און זיך געווענדעט צו איינעם פון די בחורים און אַ זאָג געטאָן צו איהם:

— זוהנעלע, בן שמנה עשרה לחופה! געה זוך אויף א כלה.

— וואוהין זאָל איך געהן זוכען, רבי ?

— אַז מען זוכט געפינט מען . . .

דער ישיבה בחור האָט פאַרמאַכט די גמרא און אוועק זוכען א כלה . . . ער האָט געוואַנדערט ארום שטעטעל ביז וואַנען ער איז אָנגעקומען צו א גרויסער הויז פון אַן אַרענדאר, וועלכער איז געווען א איד אַן עשר. ביי איהם איז געווען א הויז מכל טוב. מיט פיל משרתים. דער אַרענדאַר איז געווען פון דעם רב׳ס חסידים. געהאַט האָט ער אַ שעהנע בת־יחידה מיט׳ן נאָמען דינה. זי איז געווען איידעל אויפגעצויגען און נאָכגעגעבען . . .

בעת דער ישיבה בחור איז אָנגעקומען איז דער ארענדאר מיט ז״ין ווייב ניט געווען אין הויז. זיי האָבען אָפגערייזט אויף עטליכע טעג. דער ישיבה בחור איז אריין אין הויז. חברה משרתים האָבען דערזעהן דעם פאַר־שוין מיט די לאנגע קאַפּאָטע און פאות . . . האָבען זיי אויסגעשאָסען מיט אַ געלעכטער . . . א לאָז געטאָן זיך צו איהם, אָפּגעגעבען „שלום״ און געפרעגט וואוהין פאָהרט א איד? דער ישיבה בחור האָט זיי דערצעהלט בתמימות, אז ער פאָהרט אויפזוכען א כלה . . . אזוי האָט איהם זיין רבי געהייסען . . .

— כא, כא, כא, האָבען געלאַכט חברה לצים, אָי, א יאָלד . . . זיי האָ־בען זיך געהאלטען פאַר די זייטען פון געלעכטער . . .

— שאָ, שרייט איינער אויס, איך האָב פאַר דיר א כלה — א שעהנע קלוגע מיידעל!

— טאַקע אויסגעצייכענט, זאָגט דער בחור.

חברה לצים האָבען געוואָלט אז דינה׳לע זאָל אויך האָבען שפּאַס, האָט איינ׳ער א געשריי געטאָן: דינה׳לע, געה גיכער אראָפּ, עס איז געקומען א לעקיש . . . ער זוכט א כלה . . . דינה׳לע איז געשווינד אראָפּגעלאָפען פון אפּסטעָרז און אָנגעקוקט דעם פרעמדען . . .

— נו, זאָגען די משרתים־לצים צו בחור, געפעלט דיר די בתולה ? . .

— אָ, יאָ, ענטפערט דער בחור, א גאנץ שעהנע מיידעל . . .

— אזוי, זאָגט דינה, איך געפעל דיר אויף אן אמת ?

— יאָ, אודאי אויף אן אמת.

— דו ווערסט מיר נעהמען אָהן נדן ?

— איך דארף קיין געלט ניט, איך דארף נאָר די סחורה.

כאָ, כאָ, כאָ, פאַלען פון געלעכטער די ארומיגע . . .

אויב אזוי, האָט אַ זאָג געטאָן דער מענעדזשער, לאָמיר אָפּשטעלען אַ חופּה מיט מזל . . .

חברה האָבען זיך א נעהם געטאָן צו דער ארבייט, עס האָט געקאָכט

ביי זיי אונטער די הענט, מען האָט גענומען פיר שטעקענס צונויפגעבונדען מיט א טישטוך און געמאכט א ריכטיגע חופה . . . אוועקגעשטעלט אונ־טער דער חופה חתן כלה. דער חתן האָט געהאט בירושה פון זיין מאַמען א גאָלדענעם פינגערל, האָט ער איהר מיט דער פינגערל מקדש געווען . . . דער מענעדזשער איז געווען דער „מסדר קדושין״, דער חתן האָט צובראָכען אַ גלאָז . . . מען האָט געטרונקען, גע׳שכור׳ט, געטאַנצט, זיך משמח געווען ווי אויף אן אמת׳ע חתונה . . .

(איך מוז באמערקען אז די מענשען זיינען געווען פּראָסטע און האָ־בען ניט געוואוסט דעם דין אז מיט׳ן מקדש זיין דינה׳ן איז זי דאָס ווייבל פון ישיבה בחור).

נאָר מיט אַמאָל איז די גאנצע שמחה פאַרשטערט געוואָרען . . . דער בעל־הבית מיט דער בעלת־הבית זיינען אָנגעקומען און האָבען דער־זעהן וואָס עס קומט פאָר . . . דער בעל־הבית האָט פאַרשטאנען גלייך אַז דאָס איז א שפּיל פאַר׳ן טייפעל ! . . . ער האָט א וואונק געטאָן אַז מען זאָל אַלץ ברייגנען אין אָרדנונג ווי פריהער . . . דער טאָכטער געהייסען אריינ־געהן אין א צווייטען חדר . . . ער האָט פאַנאַנדערגעפרעגט ווי איז דאָס אַלץ פאַרגעקומען. זיי האָבען קיין זאַך ניט פארלייקענט, און מען האָט איהם דערצעהלט אז דער ישיבה בחור האָט דינה׳ן מקדש געווען אויף אַ געלעכטער.

— וואָס, זאָגט דער פאָטער, מקדש געווען, אוי, וואָס פאַר אַן אומגליק איהר האָט אויף מיר געבראַכט! ער האָט געזידעלט דעם מענעדזשער און אלע זיינע משרתים פאַר דעם שפּיצעל וואָס זיי האָבען אָפּגעטאָן . . . זיי האָבען זיך פאַרענטפערט אז זיי האָבען גאָרנישט געמיינט, דאָס איז געווען א שפּאַס און דער בחור קען איצט געהן צו אלע רוחות . . . זיי, אַלס פּראָסטע מענשען האָבען ניט באַגרייפט וואָס זיי האָבען אָפּגעטאָהן . . .

דער פאָטער האָט אריינגערופען דעם ישיבה בחור אין א באַזונדע־רען חדר, דערקלערט איהם אז דאָס איז געווען אלס א שפּאַס . . . נאָר אַזוי ווי דאָס איז פארגעקומען זאָל ער גלייך געבען אַ גט . . .

דער בחור איז גאָר קיין נאָר ניט און זאָגט: „אהבתי את אשתי ולא אתן שום גט״. . .

דאַן האָט דער פאָטער אָנגעהויבען מיט בייזען, עס העלפט ניט, ווידער מיט גוטען אז ער וועט איהם געבען דריי הונדערט רובעל, ער זאָל געבען גט...

דער בחור זעהט אז זיין שווער האָט זיך אין איהם איינגעזויגען, זאָגט ער אז ער פאַרלאָזט זיך אויף זיין רבי׳ן ווי ער, זאָל געזונט זיין, וועט פסק׳נען אזוי זאָל זיין . . .

דער שווער מיט׳ן איידים האָבען זיך געלאָזען אין וועג. דער רב האָט אַלץ אויסגעהערט און האָט געזאגט אז דער דין איז אַז עס דאַרף געדויערען נײַנציג טעג פון דער חופה ביז׳ן גט . . . און די דריי הונדערט רובעל זאָל

דער ארענדאַר איינלייגען ביים רב. כך הוה. דער ארענדאַר האָט געפאָלגט דעם רב און אוועקגעפאָהרען אהיים און דער ישיבה בחור איז געבליבען אין שטאָדט.

דער רב האָט געזעהן מיט אַלע מעגליכקייטען אז דער שדוך זאָל בלייבען שדוך, ער האָט געהאט א מיטגעפיהל אז דאָס איז אַ זיווג מן השמים.

דער רב האָט גע'עצה'ט דעם ישיבה־בחור נעהמען זיך פאר מסחר, קויפען תבואָה און פארקויפען, מיט דאָס געלט וואָס דער ארענדאר האָט ביי איהם איינגעלעגט. דער יונגער מאנטשיק האָט זיך גענומען פאר מסחר, קויפען תבואה און פארקויפען, געכאפט גיך דעם שניט אין האנדלען. געהאט אויך מזל און געשמאַק פארדינט. אָנגעטאָן זיך אריסטאָקראַטיש און געווארען אַן אנדער מענש . . .

נאָך די ניינציג טעג איז געקומען דער ארענדאר מיט זיין טאָכטער, דינה, זיך גט'ן מיט'ן ישיבה בחור . . .

דער רב זאָגט צום ארענדאר: איידער מיר פיהרען דורך דעם גט, וועל איך דיר ריידען א שדוך, מעגסט זיך אויף מיר פארלאָזען — אַ וויכטיקער ענין, וויפיל ס'וועט דיר קאָסטען זאָלסטו דעם שדוך ניט אָפּלאָזען, צופעליגערווייזע געפינט זיך גראַד דער חתן אַטאָדאָ אין צווייטען חדר . . .

דער ארענדאר איז אריינגעגאנגען אין „חדר”, וואו עס איז געזעסען ביי א ספר א שעהנער יונגערמאן זעהר שעהן געקליידט . . . דער ארענדאר האָט זיך מיט איהם צורעדט וועגען וועלט זאַכען אויך וועגען מסחר־תבואה און דער בחור האָט נושא־חן געווען ביי איהם . . .

דער פאָטער האָט אריינגערופען זיין טאָכטער דינה'ן. דאָס יונגע פּאָרל האָט א צייט פארבראַכט און געפעלען געוואָרען איינער דעם צווייטען . . .

דער רב איז געווען זעהר צופרידען וואס איהם האָט זיך איינגעגעבען דורכצופיהרען דעם שדוך און זאָגט צו די געסט:

— אצינד, אז זיי געפעלען זיך, דארפען קיין גט ניט דורכפיהרען, לאָזען זיי זיך עלטערען באשר ועושר וכבוד. דאָס איז, זאָגט דער רב, דער זעלבער ישיבה בחור, וואָס האָט מקדש געווען דינה'ן . . . עס איז אויסגערופען געוואָרען מן השמים אז דאָס איז דער זיווג פון דאָס פּאָרל. נאָר ווען עס קומט צו דיר ר' יצחק א שדכן, — ווענדעט זיך דער רב צום ארענדאר — און שטעלט דיר פאָר אזא אָרימען ישיבה בחור וואָלסטו איהם ארויסגעטריבען פון שטוב. האָט זיך געפונען א מלאך וואָס האָט אויסגעפונען אז דורך אַ שפּאַס — א געלעכטער קען דער זיווג דורכגעפירט ווערען . . .

אלע אָנוועזענדע האָבען זיך משמח געווען, געטרונקען „לחיים” . . . און מיט דעם רבנ'ס ברכה איז דאָס יונגע פּאָרל מיט'ן שווער, דעם ארענדאַר, אָפּגעפאָהרען פרעהליך צו זיך אַהיים.

דער שכל הישר פון ווילנער גאון ר׳ אליהו זי״ע.

אמאליגע יאהרען פלעגט מען זעהר יונג חתונה האבען און דאס פלעגט אמאל פארשאפען פיעל צרות. איינמאל האט חתונה געהאט זעהר א צולאזענער און פארדארבענער אינגעל — גראדע פון פיינע, רייכע עלטערען, פאר א יונגער אנשטענדיגער מיידעל. דורגעלאפען א פאר יאהר און והילד איננו. . . ער האט פארלאזען זיין ווייבעל און געמאכט א ויברח . . .

מען האט איהם ארומגעזוכט און ווי אין וואסער אריין . . .

עס איז פארלאפען צעהן יאהר און דער בחור האט זיך אפגעזוכט . . . געקומען פלוצלונג א שעהנער יונגער־מאן, באוואקסען מיט א געדיכט בערדעל, און גיט זיך אן אלס דער זעלבער מאן, וואס האט מיט צעהן צוריק פארלאזען זיין ווייבעל . . . ער איז זיך מודה ומתודה אויף זיינע זינד, קלאפט זיך „על חטא״ און זאגט צו צו זיין גוט און פרום אויף להבא . . .

ער רופט אן איטליכען מיט זיין נאמען, און גיט אלע „סמנים״ אז דאס איז ער דער זעלבער . . .

שווער איהם צו דערקאנען. באוואקסען מיט א בערדעל . . . דוכט זיך, דער זעלבער און ניט דער זעלבער . . . מען האט ניט געוואוסט ווי צו באַשטימען און מען איז אוועק פרעגען אן עצה ביי דעם ווילנער גאון ר׳ אליהו זי״ע. דער גאון האט געטראכט אביסעל און אזוי גע׳עצה׳ט: — ערב שבת ווען זיי וועלען געהן אין שוהל מקבל־שבת זיין זאל דער אורח אריינגעהן אין שוהל דער ערשטער און דער שווער און די איבעריגע נאך איהם; אויב ער, דער אורח וועט זיך זעצען אין שוהל אויף זיין ארט, וואו ער פלעגט זיצען אלעמאל איז א סימן אז דאס איז דער זעלבער, און אויב ניט, איז ער א פאלשער מאן . . .

מען האט אזוי געטאן. נאר גלייך ווי ער — דער אורח — איז אריין דער ערשטער אין שוהל האט ער ניט געוואוסט וואו זיך צו זעצען . . . מען האט איהם געפרעגט ווארום זעצט ער זיך ניט אויף זיין באשטימטען ארט ווי אמאל? האט ער אנגעהויבען שטאמלען, ניט געוואוסט וואס צו ענטפערען . . .

דאן האט מען איהם גענומען אויפ׳ן צימבעל . . . און ער האט זיך מודה געווען אז ער איז א פרעמדער . . .

דער אורח האט דערצעהלט ווי ער האט זיך געטראפען אין א קאמפאניע פון אויסגעלאסענע חברה, ער האט זיך דארטען, דער תכשיט, באפריינדעט מיט זייער אידים, וואס האט געווארפען זיין ווייבעל, און דער אידים האט איהם געוואלט מהנה זיין מיט זיין ווייבעל . . . געלערענט איהם א יאהר נאכאנאנד ווי ער זאל ריידען, געגעבען איהם אלע „סימנים״ אז ער איז דער ריכטיגער מאן . . .

געוויינטליך קיין האניג האט דער אורח ניט געלעקט . . .

מען האָט געפרעגט דעם גאון ווי איז ער איינגעפאַלען אויף אַזאַ אייג־פאַל; האָט ער אזוי געזאָגט: — אייער אידים האָט פארזונקען אין מ״ט שערי טמאָה האָט זיך פון איהם אָפּגעטאָהן די „שערי קדושה״ — דערפאר האָט ער פאַרגעסען דעם אורח צו דערמאָנען אויף וועלכען אָרט ער זאָל זיך זעצען אין בית המדרש . . .

משיח אין בויד.

דער ווילנער גאון רבנו אלי׳ ז״ע האָט אָפּגעריכט גלות. אייגענטליך וואָס האָט איהם געטריבען דערצו? — ער, דער צדיק האָט זיך ניט פאַרגינען צו זיצען אין דער וואַרים ביי אַ גלעזעל טיי און לערנען — ווען אין דער צייט וואָס דאָס אידישע פאָלק טרינקט זיך אין צרות . . . ער האָט געוואָלט פאַר־זוכען דעם טעם פון נע ונד זיין אזוי ווי פיל מענשען וואָס וואַנדערען אַרום צו געפינען זייער שטיקעל ברויט אין לעבען. אויך האָט זיך איהם געוואָלט די אומגליקליכע מענשען צו העלפען מיט וואָס ער קאָן.

איינמאָל געהט רבנו אליהו ז״ע איינגעבויגען אין דרייען מיט זיין שווערען פּאַק אויף די פּלייצעס . . . אויפ׳ן וועג פאָהרט א בעל־עגלה מיט צוויי ווייסע פערד פון אַ שטעטעל מיט אַ גרויסער פוהר מיט אַ גרויסע בויד. דער בעל־עגלה האָט געהאט מיטלייד מיט׳ן וואַנדערער און איהם ארויפגענומען אויפ׳ן וואָגען. פאָהרענדיג זאָגט צו איהם דער בעל־עגלה: — פעטער, איך בין זעהר מיעד, איך וועל זיך צולייגען שלאָפען אביסעל אין בויד און איהר האַלט נאָר די לייצעס. די פערד וויסען דעם וועג און זיי וועלען קומען אין שטעטעל וועלען זיי זיך אליין אָפּשטעלען לעבען שוהל.

דער גאון האָט געוואָלט מקיים זיין א מצוה און האָט געפאָלגט.

ווען זיי זיינען אריינגעפאָהרען אין שטעטעל איז געגאנגען א ווילנער בעל־הבית. אַן אורח אין שטעטעל — דאַוונען אין שוהל און האָט דערקענט דעם ווילנער גאון. דער איד איז געוועזן איבעראַשט אז ער האָט דערזעהן דעם צדיק אין אַזאַ צושטאַנד; און איהם איז דורכגעלאָפען אַ געדאַנק ווי אַ בליץ אז דער גאון פיהרט משיח׳ן . . .

דער ווילנער איד איז אריינגעלאָפען אין שוהל א צוטומעלטער און דערצעהלט וואָס האָט פּאַסירט. דער רב און אלע אידען פון שוהל זיינען ארויסגעלאָפען מקבל פנים זיין משיח׳ן און דעם מבשר אליהו׳ן. זיי האָבען גע־שריען:

— רבינו אליהו, גיט אונז אַרויס משיח׳ן!״

— „וואָס ווילט איהר, אידען, בעט זיך דער גאון רחמים, ווי קום איך צו משיח׳ן ?״

— „אַז איהר זייט דער בעל־עגלה איז אין בויד משיח!״

— „אויב אזוי עפענט די בויד און נעהמט איהם", זאָגט דער צדיק.
מען האָט געעפענט די בויד און ארויסגעצויגען חיים דעם בעל־עגלה מיט זיינע לאַנגע שטיוועל . . .

אריינגעזאָגט.

שאַיע: — זאָג מיר, שמאַיע, ווען קומט משיח?
שמאַיע: — ווען דו ווילסט, קאָן ער קומען די מינוט
שאַיע: — וואָס מיינסטו מיט דעם?
שמאַיע: — די גמרא זאָגט, אז משיח וועט נאָר קומען אין אַ דור וואָס איז אָדער כולו „זכאי" אָדער כולו „חייב", דאָס הייסט, אָדער ווען אלע וועלען זיין אָרענטליך, אָדער ווען אלע וועלען זיין ניט־אָרענטליך. און אזוי ווי דו ביזט מיר שוין אַ לאַנגע צייט „חייב" אַ פופציגער, טאָ, זיי מיר משלם תיכף און האַלט ניט אָפּ די גאולה, וועט זיין „כולו זכאי", דאָס הייסט, אינגאנצען אָרענטליך — וועט משיח באַלד קומען.

דער פּאַטש. (בילד)

לוי גאָלדמאַן איז געבוירען געוואָרען אין א גאָלדענע העמדעלע, אַ גרויסער בר־מזל. געקומען נאָך אמעריקע מיט זיין שטעקעל און טאָרבע און היינט איז ער א מיליאָנער.

אין אָנפאַנג איז ער געווען אַ פּעדלער, געדרעהט זיך פון דאָרף צו דאָרף מיט דער סומקע אויף דער פּלייצע. אין סומקע איז געווען אלע מיני סחורות, פרויען ציהרונג, קינדערשע שפּילערייִ א.ז.וו. דער געשעפט איז גע־גאַנגען גוט און איהם האָט זיך איינגעגעבען צונויפזאַמלען אַ סומע געלט. גאָלדמאַן האָט זיך באַזעצט אין אַ גרויסער שטאָדט מ. געעפענט אַ סטאָר און די ביזנעס זיינען אוועק זעהר גוט. ער האָט אָנגעהויבען קויפען הייזער וואָל־וועל און פּאַרקויפט טייער, געקויפט סטאַקס, זיי האָבען זיך „געהויבען" און דער קאַפּיטאַל ווערט גרעסער און גרעסער . . . ניט קוקענדיג וואָס ער איז רייך געוואָרען האָט ער אָבער גאָט ניט פאַרגעסען: ער איז געווען א שומר שבת'ניק; געגעבען פיל צדקה און נטע אש"ל בביתו. זיין אשת־חיל רבקה האָט געפיהרט דאָס הויז בהכשר־הכשרות.

זיין פאַמיליע איז באַשטאַנען פון 3 זיהן און 2 טעכטער. די צוויי זיהן, וואָס זיינען געווען מיט'ן פאָטער אין ביזנעס, האָבען חתונה געהאַט, געעפענט אייגענע ביזנעס און פיהרען אַן אָנשטענדיגען לעבען; די צוויי טעכטער האָבען אויך חתונה געהאַט און לעבען גליקליך. די עלטערען זיינען געבליבען מיט'ן

מוזיניק מרדכי. דער זוהן איז אַ דאָקטאָר און פאַרנעמט אַ שטעלע אין שפּיטאָל.

די עלטערען האָבען פון איהם אויך געוואָלט האָבען נחת ער זאָל חתונה האָבען . . . נאָר עס האָט זיך עפּעס ניט געקלעפּט . . .

איינמאָל איז געקומען דער זוהן זעהר אויפגעלייגט אהיים און נאָך אַ גוטען מאָלצייט זאָגט ער צו זיין מוטער אז ער קלערט יע חתונה צו האָבען מיט איינער פון די נוירסעס פון האָספּיטאָל — זעהר אַן אינטעליגענטנע פּער־זענליכקייט . . . און ער קלייבט זיך איהר צו ברייגנען די טעג צו גאַסט. די מוטער האָט אָפּגעלעבט, עפּעס אַ קלייניגקייט, דער זוהן וועט ווערען אַ חתן און זיי וועלען אויספיהרען די וועלט מיט דעם וואָס זיי וועלען שוין האָבען חתונה געמאכט אַלע זייערע קינדער. אָבער איהר איז נעבאַך ניט איינגעפאַלען אויפ'ן געדאַנק אז עס איז פאַראַן נוירסעס אידישע און אויך קריסטליכע . . .

ויהי היום האָט דער זוהן געבראַכט זיין געליבטע זיך באקאנען מיט זיינע עלטע־רען. נאָר ווי גרויס עס איז געווען די שרעק פון זיינע עלטערען אז זיי האָבען דערזעהן אַ יונגע שעהנע „קריסטין”. . . . זיי האָבען דערפילט אז עס האָט זיך עפּעס וואָס אָפּגעריסען אין זייער הארצען . . .

אַלס גאַסט פון זייער געליבטען זוהן האָבען זיי זיך איינגעהאלטען פון אַ טומעל . . . און האָבען איהר פיין אויפגענומען . . .

בעת דער זוהן האָט זיך אומגעקערט אהיים פון באַגלייטען זיין כלה האָט דער כעס פון זיינע עלטערען אויסגעפּלאַצט און אויפגעריסען אַזוי ווי מען וואַרפט אריין אַ שוועבעלע אין אַ קייפעל פּולווער . . .

— סטייטש, האָבען די עלטערען איינע די אנדערע איבערגעשריען מיט שוים אויף די ליפּען, דו ווילסט אונז טויטען . . . פאַרשוואַרצען די אויגען . . . אַ גויה . . . אַ קלאָג, אַ בראָך . . . מאַכסט זיך אומגליקליך און אונזער גאַנצע פאַמיליע . . . דאָס צאָהלסטו אונז אַזוי אָפּ פאַר אונזער מקריב זיין זיך פאַר דיר . . .

דער זוהן האָט זיך אויפ'ן ענגלישען מאַניער זיך געקאָכט און אויפגע־וויזען באותות ומופתים אז ער האָט רעכט אויסצוקלייבען וועמען ער וויל . . . און זיין געליבטע מאַרגאַריטאַ שטעהט ניט נידעריגער אלס אַ אידישע . . . און צו באַרוהיגען זיינע עלטערען האָט ער צוגעגעבען אז זי איז מרוצה אָנעמען דעם אידישען גלויבען און ער וועט איהר מקדש זיין ביים רבי כדת משה וישראל . . .

פון דאַמאָלסט אָן איז דער שלום בית צושטערט געוואָרען. שטומערהייט פלעגט דער זוהן זיך ארומדרעהען אין הויז. די עלטערען זיינען אויך געווען פאַרקלעמט; זיי האָבען דורך זייערע קינדער און פריינט געאַרבייט מעשים מחזיר למוטב זיין דעם זוהן, און איהם אָפּהאַלטען פון אַזאַ שריט... נאָר עס האָט גאָרנישט געהאָלפען. דער זוהן איז געבליבען עקשנותדיג . . . און ער האָט געזיגט . . . חתונה געהאט ביים רבי'ן . . .

דאַן האָבען די עלטערען קיין אנדער ברירה ניט געהאַט און באַשטימט די שנור ארייננעהמען צו זיך . . . ערשטענס, וועלען זיי זיך ניט צושיידען מיט זייער ליבען זוהן און צווייטענס, וועט די שוויגער אַכטונג געבען אויף דער שנור, זי זאָל זיין סטריקטלי כשר . . .

פון דאַמאָלסט אָן האָט זיך אָנגעהויבען א סדרה „שנור״

— פון אָנפאנג איז געגאנגען מיט די פוטער אראָפּ: די שנור איין א זיידענע בלוזקע האָט געקאָכט דיגער . . . דער מאַן האָט איהר געקעכטס אין מויל ניט געקענט אריינעמען . . . נאָך אונאַמליכקייטען איז פארגעקומען, זי פלעגט זיך ארומדרעהען אין די סטארס איינקויפען פארשידענע זאַכען פאַר זיך און פאר איהרע עלטערען אלס פרעזענטען און דער דאָקטאָר פלעגט ווערען מיעד צאָהלענדיג די בילס . . . נאָר מיט דער צייט איז זי געוואָרען מענש־ליכער. די שוויגער איז געקומען צו הילף, געלעגט זיך אין דער לענג און אין דער ברייט צו מאַכען פון דער שנור אַ לייט . . . מיט איידעלקייט האָט זי אויסגעפיהרט ביי איהר אז זיזאָל קאָכען דעם טעפּעל אין א פּראָסטער בלוזקע. און געלערענט איהר קאָכען, באַקען . . . די שנור האָט אויפגעגעבען איהר שטעלע אלס נוירס, און זיך איבערגעגעבען צו באלעבאטישקייט; זי איז געווען זעהר א פעהיגע און מיט דער צייט אלץ איבערגענומען און דערנאָך גוט גע־קאָכט אידישע מאכלים . . . די שוויגער האָט אָנגעקוואָלען; זי, די שוויגער, איז נאָך אוועק נאָך ווייטער, אויסגעלערענט איהר בענשען ליכט, אפילו לייענען קריאת־שמע . . . מיט איין וואָרט, די פריהערדיגע כמאַרע איז פארשוואונדען, און עס האָט זיך באוויזען א שטראַל פון ליכטיגקייט . . .

בעת די עלטערען פלעגען בלייבען אליין אין הויז פלעגען זיי ריידען וועגען זייער שנור . . .

— זעסט, לוי, פלעגט זאָגען מיסעס גאָלדמאַן צו איהר מאַן, אונזער שנור זאָל לעבען, איז געוואָרען א אמת׳ע אידישע טאָכטער; איך געדענק פון בייבל אז רות המואביה האָט אָנגענומען דעם אידישען גלויבען און געווען א טייערע נשמה, אזוי וועט זיין א״ה אונזער מאַרגאַריטע. איך הייב איהר אָן האָלט צו האָבען ווי אן אייגענע טאָכטער . . .

— הייסט דאָס, זאָגט גאָלדמאַן, אז דו ביזט נעמי און זי איז רות . . . נאָר זיי וויסען, מיין ווייב, האָט זיך אָפּגעזיפצט דער מאַן, אז רות האָט אָנגענומען דעם אידישען גלויבען ניט צוליעב א שעהנעם בחור אַ פאַרדינער . . . נאָר צוליב דער אידישער אמונה, וועלכע זי האָט ליעב געהאַט מיט לייב און לעבען; ווען נעמי האָט אָפּגערעדט רות׳ן אָנצונעמען דער אידישע אמונה האָט רות געזאָגט: „מוטער, בעט מיר ניט איך זאָל דיך פארלאָזען, וואו דו וועסט געהן, וועלען איך געהן; וואו דו וועסט נעכטיגען, וועל איך נעכטיגען, דיין פאָלק איז מיין פאָלק; דיין גאָט איז מיין גאָט; דאָרט וואו דו וועסט שטאַרבען, וועל איך שטאַרבען און דאָרט וועל איך באַגראָבען ווערען, אזוי העלף מיר גאָט,

אַז נאָר דער טויט קאָן אונז פאַרנאַנדערשיידען. — אונזער תורה וואָרענט אונז זיך ניט נאָכצויאָגען נאָך גרים. א אידישער מלך און כהן גדול „הורקנוס" איז דורכגעפאַלען מיט דעם ווען ער האָט איינגענומען די אדומים האָט ער זיי געצוואונגען אָנצונעהמען די אידישע אמונה און זיך צונויפגיסען מיט דאָס אידישע פאָלק. דער סוף איז געווען א ביטערער, זיי האָבען געהאָלפען די רוימער צושטערען די אידישע מלוכה. דערפאַר האַלט איך ניט פון גרים און גרות —ביידע קומען פון צוויי באַזונדערע לאַגערען, צוויי פאַרשידענע עלע־מענטען, אז מען פאַרפלאַנצט צוויי בלומען, פון צוויי פאַרשידענע קלימאַטען, וועלען זיי לאַנג צוזאַמען ניט וואַקסען, איינע פון זיי וועט געוויס שטאַרבען . . . אפילו זאָגאַר, ווען די וועלט זאָל שוין ווערען אזוי פאָרגעשריטען, אז די רע־ליגיעזע פראַגע זאָל אינגאַנצען אונטערגעהן, איז נאָך דאַן אויך פאַראַן אַ גרויסער צווייפעל אויב צוויי פערזאָנען פון צוויי געוועזענע באַזונדערע ראַסען זאָלען קענען האַרמאָנירען צוזאַמען.

— וואָס דאַרפען אריינקלערען צופיל, לאָמיר האָפען מיין מאַן, אז עס וועט א"ה זיין גוט.

אָט אזוי פלעגען זיי אָפט פילאָזאָפירען ביידע זייענדיג אליין.

ויהי היום דאָס איז געווען פרייטאָג, די שוויגער און די שנור האָבען געמאַכט שבת . . . געבענשט ליכט . . . און מען האָט געוואַרט אויפ'ן שווער און מאַן. — די שנור איז אריין אין איהר שלאָף־צימער און האָט פאַרגעסען צושליסען די טיר, וועלכע איז געווען האַלב־אָפען . . . זי האָט אויפגעשלאָסען דעם קאַסטען ארויסגענומען א גרויסע געטשקע אוועקגעשטעלט אויפ'ן קאָמאָד געפאַלען אויף די קני און אָנגעהויבען תפלה טאָהן . . . אין דעם מאָמענט איז פאַרבייגעגאנגען די שוויגער און דערזעהן די גאַנצע שרעקליכע קאַרטינע...

די שוויגער האָט זיך פאַרלאָרען און אריינגעלאָפען אין צימער, אַ כאַפּ געטאָהן די געטשקע און צושמעטערט . . . צוגעלאָפען צו דער שנור און אראָפּגעלאָזען איהר צוויי פייערדיגע פעטש . . . די שנור האָט א ווילדען גע־שריי געטאָהן און גע'חלש'ט . . .

דער זוהן און דער פאָטער זיינען אָנגעקומען אין דער צייט און פאַר זייערע אויגען האָט זיך אנטפּלעקט די גאַנצע שוידערליכע סצענע . . .

דער זוהן האָט אויפגעהויבען זיין ווייב אוועקגעלייגט איהר אין בעט און גענומען איהר מינטערען . . . קוים איהר געבראַכט צום לעבען . . . די מוטער אן אויפגערעגטע האָט געיאָמערט ווי נאָך אַ טויטען . . . אין שטוב האָט זיך געטאָהן חושך . . . דער הייליגער שבת איז פאַרשטערט געוואָרען...

אין א קורצע צייט ארום האָבען זיך די יונגע פּאָר פאָלק ארויסגעמופּט. די מוטער פון עגמת נפש איז שטאַרק קראַנק געוואָרען . . . און נאָך פיעל יסורים אָפּגעשטאָרבען . . . דער זוהן — דער דאָקטאָר — איז אויך געקור־

מען באגלייטען דער מוטער צו איהר אייביגע רוה . . . געזאָגט „קדיש״. . .
די שנור איז ניט געווען ביי דער לויה.

די שנור האָט נאָכ'ן יאָהר געבאָרען א זוהן. דער פאָטער האָט געפּראָוועט א ברית . . .

גוט־שבת.

דריי אידען זיינען שבת געגאנגען פון שוהל און זיך באַגעגענט מיט'ן רב, וועלכער האָט זיי געזאָגט „גוט שבת״.

רופט זיך אָפּ איין איד דאָס האָט דער רב „מיר״ געזאָגט „גוט־שבת״.

— ניין, זאָגט דער צווייטער, דאָס האָט ער מיר געזאָגט.

רופט זיך אָפּ דער דריטער:

— איהר מאַכטביידע א טעות, דאָס האָט דער רב מיר געזאָגט.

האָבען זיי זיך געאַמפּערט און צום סוף באשטימט מוצש״ק אריינגעהן צום רב און פרעגען צו וועמען פון זיי האָט ער געזאָגט „גוט־שבת״.?

זיי זיינען געקומען צום רב און איהם געפרעגט צו וועמען פון זיי האָט ער געזאָגט „גוט שבת״.

— איך האָב געזאָגט „גוט־שבת״, זאָגט דער רבי, צו דעם ווער עס איז א גרעסערער „עקשן״ פון אייך אלעמען . . .

— אָ, רבי, איך בין דער גרעסטער עקשן פון אונז אלעמען, אָט וועל איך אייך דערצעהלען אַ מעשה וואָס האָט פּאַסירט מיט מיר אליין, איך בין אַ „בעל־עגלה״ פיהר פון באַן אין שטאָדט גאנצע וועגענס מיט סחורה: מעהל, צוקער א.ז.וו. און טייל דאָס פאַנאַנדער אין שטאָדט צווישען די קרעמער. פון באַהן ביז שטאָדט איז עטליכע מייל, און אויפ'ן וועג איז דאָ א קרעטשמע; פלעג איך זיך אריינכאַפּען מאַכען אַ שנעפּסעל . . . מיין שטייגער איז אזוי, רבותי, איך מאַך פיער שנאַפּסען, בעת עס איז מיר אין דער פריה קאַלאַמוטנע אויפ'ן האַרצען נעם איך אַ שנעפּסעל; דער שנעפּסעל דרעהט הין און הער, עס איז עפּעס אומעדיג, מאַכט מען נאָך א שנעפּסעל, ער זאָל האַלטען קאַמפּאַניע. אַנשטאָט זיי זאָלען פאַרברייניגען צוזאַמען, שלאָגען זיי זיך; וואָס זאָל איך טאָן, איך קען ניט אריבערטראָגען — שיק איך אריין א דריטען שנעפּסעל, ער זאָל זיי פאַנאַנדערנעמען; עס איז געוואָרען שלום; הײנט, אידען, אז עס איז געוואָרען שלום דאַרפען מאַכען א פערטען שנעפּסעל . . .

ווי עס ווייזט אויס האָב איך איינמאָל געמאַכט א צו גרויסע כוסה . . . און איך האָב זיך שטאַרק צו ווערטעלט מיט'ן קרעטשמאַר; איך האָב איהם אָפּגעשטעקט אַ פּאַטש . . . ער האָט ניט פאַרשוויגען און האָט מיר אויך נוגע

בכבוד געווען . . . האָב איך באַשלאָסען פון דאַמאָלסט אָן קיינמאָל צו איהם ניט אריינפאָהרען . . .

איינמאָל פאָהרענדיג פון באָהן מיט א אָנגעלאָדענעם וואָגען מיט מעהל און צוקער — האָט זיך דער הימעל באַדעקט מיט שוואַרצע וואָלקענס און עס האָט אָנגעהויבען גיסען א רעגען; דער רעגען ווערט וואָס ווייטער שטאַרקער און שטאַרקער, עס ווערט א שטורם . . . פון די צוקער און מעהל ווערט א תל... און איך פאָהר פאַרבײַ די קרעטשמע. בשום אופן שטעל איך זיך ניט אָפּ . . . אַט אַזאַ עקשן בין איך, רבי! . . .

— הערט רבי, זאָגט דער צווייטער איד, איך בין נאָך א גרעסערער עקשן פון איהם, הערט מיך אויס, רבי. איך בין „א טראַוועלער", איינמאָל פאָהר איך דורך אַ שטאָט און עס האָט מיר דאַרטען אָנגעהויבען שטאַרק וויי צו טאָן אַ צאָהן, בין איך אַרײַן צו א דענטיסט, פרעגט מיר דער ציהען דאָקטאָר: וועל־כער צאָהן טוט אייך וועה?

— „איהר זענט א דאָקטאָר", ענטפער איך איהם, „דאַרפט איהר אליין וויסען, איך וועל אייך ניט זאָגען"!

האָט ער זיך גענומען פאַר דער מלאָכה און שלעפּט מיר ארויס א גע־זונטען צאָהן . . . זאָג איך איהם: „ניט דער צאָהן, דאָקטאָר!" האָט ער ארויסגעשלעפּט ווידער א געזונטען צאָהן . . . און איך האָב אויסגעהאלטען מיין עקשנות ניט זאָגענדיג וועלכער איז דער קראַנקער צאָהן ביז וואַנען ער האָט ארויסגעריסען אַלע מיינע ציהן . . . אַט אַזאַ „עקשן" בין איך, רבי!

— עט, טע, טע . . . דאָס איז גאָרנישט אַזאַ גרויסע עקשנות . . . הערט נאָר, רבי, מיר אויס, איך בין טאַקע אן „עקשן" איך שאַקעל זיי ביידען אויס פון אַרבעל . . . איך האָב א ווייבעל א געפערליכע „ארורה", אַ מויל, אויף שרופען, מיט בלויע ליפּעלאַך . . . האָב איך איהר אָפּגעטאָהן א שפּיצעל — ארויס פון הויז פאַרמאַכען די לאָדען און אָפּגעפאָהרען אויף זיבען פסח'ן . . . אין פאַרלויף פון דער צייט בין איך געקומען צופאָהרען אהיים. מיין ווייבעל ווייזט אויס, איז געווען צופרידען מיט מיין קומען. זי נעהמט מיך ליבליך ארום און זאָגט צו מיר האָניג־זיס:

— „דו ווייסט חיים, אז פון היינט אָן און ווייטער וועלען מיר לעבען גוט, אזוי ווי די טייבעלאַך". . .

דוכט זיך גוט, הא, צוקאַכט זיך אין מיר די יאַכע — און גיב א זעץ אין טיש, אז אַלעס ציטערט אויף און גיב א געשריי: — „ניין, איינמאָל ניין! דו הערסט, צי ניין.?!?"

און עס געבליבען אויף „ניין".

— אַט אַזאַ „עקשן" בין איך, רבי!

— אַט טאַקע דיר האָב איך געזאָגט „גוט־שבת" — זאָגט דער רבי, ווארום סתם עקשן עם־הארץ . . .

דער גרינער און דער געלער.

אַ גרינער מאַן איז געקומען פון אַלד־קאַנטרי איןאַמעריקע און איז גע־ווארען אין דער שטאָדט מ. א רעגס־פעדלער. פאָהרט ער מיט זיין פערד און וועגעלע און שרייט: „רעגס" — „רעגס"! — ער שלאָגט זיך נעבאך, ארויס פון די כוחות און קריגט קיינע מציאות ניט. הונגעריק און פארמאַטערט פאָהרט ער דורך א קריסטליכען געגענד און דערזעהט א רייכע הויז מיט א מזוזה אויפ'ן טיר. דער גרינער איז געווארען פרעליכער, אריינגעגאַנגען אין הויז און דערזעהן פאַר זיך דעם בעל־הבית — אַ איד א דיקער, פון מיטעלען וואוקס מיט אַ פליעך אויפ'ן קאָפּ און זעהר שעהן געקליידט . . .

— א גוט מאָרגען אייך, בעל הבית, זאָגט דער גרינער, קוים דערזעהן א אידישע הויז, איך האָב געוואָלט ביי אייך עטוואָס איבערכאַפּען, איך בין מיעד און הונגעריג . . . נאָך ניט געהאט היינט אַ פּאַטשין . . .

— געה פון דאַנען, שלעפּער, איך וועל דיר גאָרנישט געבען, קיינער האָט נאָך דיר ניט געשיקט, זאָגט מיט כעס דער געלער.

דער גרינער האָט זיך איינגעדרעהט אין דרייען און ארויס א צוטור־מעלטער . . .

אַנשפּאַרענדיג זיך הינטער דער טיר ער זאָל ניט פאַלען האָט ער דער־הערט דעם קול פון די בעלת־הבית, וועלכע האָט גע'מוסר'ט דעם מאַן פאַר וואָס ער האָט באַליידיגט דעם גרינעם; „ער זעהט אויס אַ גאַנץ ארענטליכער מאַן, זאָגט זי, און איז הונגעריג און פארשווארצט . . . עס איז דאַ גענוג ביי אונז וואָס צו עסען, זאָגט די פרוי, געקענט איהם געבען אַ מאָל־צייט, עס וועט נאָך קלעקען אויף ארויסצוואַרפען . . .

דער בעל־הבית האָט געענטפערט אז ער האָט פיינט די גרינע און וויל זיך מיט זיי קיינמאָל ניט באַדערען . . .

פאַרלאָפען פיל צייט, איינמאָל, איז דער זעלבער בעל־הבית נ. דער געלער, אין א שעהנעם טאָג אוועק וועגען ביזנעס צו א גרויסען מאַנופעקטשו־רער, וועלכער האָט געוואוינט וויט פון שטאָדט, הינטער אַ וואַלד. פאַרבראַכט ביי איהם אַ פּאָר שטונדען און געמאַכט מיט איהם א גוטען געשעפטעל, גע־קויפט ביי איהם פיל וואַרע . . . איז מיסטער נ. אַ צופרידענער זיך אומגעקערט אהיים דורכ'ן וואַלד. פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען איז ער געגאַנגען דורכ'ן וואַלד און ער האָט ניט באַמערקט ווי דער הימעל האָט זיך באַדעקט מיט שוואַרצע וואָלקענס . . . עס האָט זיך אויפגעהויבען אַ גרויסער שטורם . . . איצט האָט ער זיך געכאַפּט אז ער בלאָנדזשעט... ער האָט דערזעהן א פייערל

פון ווייטען און זיך געלאָזען געהן נאָך איהם. צוגעגאַנגען צו א קליין הייזקעלע, וועלכע איז געווען באַלויכטען. אַ נאַשער, דורכגענעצטער פון רעגען און קעלט האָט ער אַנגעקלאַפּט אָן טיר. עס האָט איהם געעפענט אַ איד מיט אַ שפּיציג געלע בערדעל, מיטעלען וואוקס, וועלכער האָט איהם ארומגעקוקט פון קאָפּ ביז די פיס.

— איך האָב פארבלאָנזשעט אין שטורם, זאָגט דער געלער, צייגט מיר ר' איד די וועג אין שטאָדט . . .

דער איד האָט איהם גוט אָנגעקוקט און דערקענט אז דאָס איז דער זעלבער געלער, וועלכער האָט איהם ארויסגעטריבען . . .

— קומט אריין, פעטער, אין הויז, טריקענט זיך אויס ביים אויוועז, די וועג קען איך אייך ניט צייגען, ווייל עס איז פינסטער, מאָרגען אין דער פרי וועט איהר ערשט קענען פון דאַנען אוועקגעהן, איך וועל אייך צייגען דעם וועג. דער רייכער האָט געמוזט אויספאָלגען אלעס וואס דער ארימער האָט איהם געזאָגט, ער האָט ניט געהאט קיין אנדער ברירה . . .

דער בעל־הבית, דער גרינער, האָט איהם אָנגענומען מיט כבוד, געזעצט איהם ביים אויוועז, געגעבען איהם איבערבייטען אנדערע קליידער, זיינע, נאָסע קליידער האָט ער אוועקגעלייגט טריקענען ביים אויוועז. מיט אפּעטיט האָט דער געלער געגעסען סאָפּער, וועלכען דער גרינער האָט איהם צוגעגרייט. דער גרינער בעל־הבית האָט איהם אָפּגעגעבען זיין בעט און ער מיט זיין ווייב און קליינע קינדער, זיינען געשלאָפען אויפ'ן פלאָר . . . אין דער פריה האָט דער גרינער איהם געמאַכט אָנבייסען און ארויסגעפירט איהם צו דער ריכטיגער וועג צום שטאָדט.

דער געלער איז געווען געריהרט פון אַזאַ פריינדשאפט. דער געלער גביר האָט איהם זעהר באַדאַנקט און ערשט פאר'ן אוועקגעהן האָט ער זיך דערמאָנט אז דער גרינער אידל איז איהם באַקאַנט און קען זיך ניט דערמאָנען וואו ער האָט איהם געזעהן . . .

דער גרינער איד זאָגט איהם פאר'ן אוועקגעהן:

— דערקענסטו מיך?

— אֵי, זאָגט דער געלער, יעצט דערמאן איך זיך, דו ביזט ביי מיר געווען אַנומעלט און איך האָב דיר גאָרנישט געגעבען . . . און דו האָסט מיר איצט באַצאָלט פאר שלעכטס מיט גוטס . . .

— נו, זאָגט דער גרינער, נאָך אַמאָל אז עס וועט צו דיר קומען א גרינער טרייב איהם ניט, רופ איהם ניט „שנאָרער", נעם איהם פיין אויף, גיב איהם עסען, טרינקען און פיהל זיין צער . . . ווארום פארגעס ניט כל ישראל חברים... סיי א גרינער סיי א געלער, און אפילו אז עס קומט צו דיר א פרעמדער — אַ גר — נעהם איהם אויף פיין, ווארום די גאנצע מענשהייט איז ווי איין מענש — א עולם קטן.

דער קאַמף פאַר ברויט. (סקיצע)

בזעת אפיך תאכל לחם (בראשית ג׳)

דיסענקא — סלאבאדא — אזוי רופט זיך די שטעטעל וואָס ציהט זיך ניט ווייט פון ברעג טייך „זאַפּאַדנאַיאַ דווינאַ״.

פון דיסענקא צו דער אנדער זייט שטאָדט וואָס רופט זיך דיסנא, פאָרט מען איבער׳ן טייך מיט׳ן „פּאַראָם״. דער פּאָיעזד (באַהן) שטעלט זיך אָפּ 13 מייל פון דיסענקא. גלייך ווי מען געהט אראָפּ פון באָהן באמערקט איהר שוין בעלי־עגלות, וועלכע רייסען זיך איבער די פּאַסאַזשירען זיי אָפּצופיהרען קיין דיסענקא. איך פאָהר די 13 מייל כסדר דורכ׳ן געדיכטען וואַלד, דער אויר מחיה נפשות, די פייגעלאך באַגלייטען מיר מיט זייער געזאנג, די רמשים שוויצער׳ן. מיט איין וואָרט עס ווילט זיך פאָהרען וואָס ווייטער. ווייטער אָהן א סוף . . . בעת איך פאָהר דורך׳ן וואַלד מיט׳ן בעל־עגלה, וועלכער האָט מיר צוגעדעקט די פיס מיט זיין „קאָווער״ מיין איך אז איך בין „דער פּריץ פון שטעטעל״ — עפּעס א קלייניגקייט איך פאַר אָנגעשפּאַרט ווי אַ גראַף און שמאָצקע אַ שאָקאָלאַד; און והא ראיה אז איך בין דער פּריץ פון שטעטעל אַז אפילו דעם בעל־עגלה האָב איך אויך מכבד געווען מיט אַ שאָקאָלאַד . . . איך פאָר וואָס ווייטער און זינג זיך מיר אונטער אַ „זמר׳ל״ . . . און אָט באַווייזט זיך פאַר אייך פון דערווייטענס די קוימענס פון די שטרויענע דעכער פון די הייזקעס, דיסענקא, וועלכע ציהען זיך ווי אַ סטרונע ניט ווייט פון ברעג טייך.

ווען איהר פאָהרט אריבער דעם „פּאַראָם״ און קומט אָן אין שטאָדט „דיסנע״ באמערקט איהר אז עס איז א גרויסער אונטערשיעד צווישען דיסענ־קא און דיסנא. אין דיסענקא איז הילצערנע הייזלאך מיט שטרויענע דעכער, אָבער אין דיסנע איז דאָ שעהנע הייזער, געדעקט מיט שינדלאך און אויך וואָרפען זיך דורך געמויערטע הייזער וואו עס וואויגען די פּני־העיר. אויך דאָ פילע קראָמען מכל המינים שהוא. זעהר א גרויסער אונטערשיעד צווישען די מענשען פון דיסענקא און דיסנא. אין דיסנא זיינען מענשען געוועהנליכע, מיטעלמעסיגע, ניט קליין ניט גרויס, אָבער אז איהר קומט אריין אין דיסענקא, דוכט זיך אייך אויס אז איהר זענט הינטער׳ן „סמבטיון״ צווישען „עשרת השבטים״. . . — גוטע ליבע פריינדליכע מענשען — הויכע שלאַנקע, גע־זונטע, ברייטפּלייציגע מיט מאָזאָליסטע הענט פון שווארצע ארבייט . . .

דער העכסטער און שטאַרקסטער צווישען די דיסענקא׳ר איז שמשון — וועלכען מען האָט געקרוינט מיט׳ן צונאָמען „שמשון־הגבור״ — מיט א קאָפּ איז ער העכער פון אלע מענער אין שטעטעל; א ברייט פלייציגער, פאַר־מאָגט א קאָפּ מיט שווארצע געקרויזטע האָר, א ברייטען שטערען מיט א פּאָר שווארצע אויגען און רויטע באַקען. זיינע מוסקולען זיינען געווען אייזערנע, ער פלעגט געהן מיט א ראָגאַטינע, אַנטקעגען אַ בער און דערשלאָגען איהם...

און מיט זיינע אייזערנע פויסטען פלעגט ער איינקוועטשען א פאדקאווע . . . ניט אומזיסט האט מען איהם גערופען: „שמשון־הגבר״. דאס פנים פון דעם מאן האט אויסגעדריקט עפעס אומגעווינליכעס — עפעס א פארבארגענע קראפט, וועלכע האט געשלאגען פון זיין פרצוף, ווי די היץ פון א פלאם . . . עפעס א פעסטער רצון וואס זאגט עדות, אז דער דאזיגער מענש וועט זיך פאר גארנישט און פאר קיינעם נישט צוריקציהען.

איינמאל איז ער אריין אין הויז און געפונען זיין פאמיליע מיט אן אורח ביי א מאגערען סאפער, איז איהם ניט אנגעשטאנען דער מאגערער מאלצייט, האט ער זיך א ריס געטאהן צו דער מאמע־טייך מיט'ן נעץ . . .

זיינע חברים האבען איהם געווארענט ער זאל זיך ניט לאזען איצט פאנגען, צייגען איהם אן אויפ'ן הימעל אויף א קליין וואלקענדעל, ווי א האנט פון א מענשען, א סימן אויף א שטורם . . .

— נאר ער שטעלט זיך ניט אפ, א כאפ געטאן דאס שיפעל מיט'ן נעץ און פארשוואונדען . . . שמשון־הגבור האט דערזעהן צווישען די וואלנעס א גאלדענעם פיש . . . ער האט פארוואארפען דעם נעץ . . . דער הימעל האט זיך באדעקט מיט שווארצע וואלקענס, עס איז פארגעקומען א שטורם . . . דער טייך האט געברויזט מיט זיינע וואלנעס, שמשון קוקט זיך ארום עס איז חושך, הימעל און וואסער . . . דער שטורם לייגט איין וועלטען . . . דאס שי־פעלע טראגט זיך ווי א ניסעל אויפ'ן וואסער . . . זי וויגט זיך אויף די זייטען און אט, אט . . . שמשון אבער פארלירט זיך ניט, ער יאגט נאך דאס גאלדענע פישעל, וועלכע פארשווינט צווישען די וואלנעס . . . נאר אט באווייזט זיך דאס נאך אמאל און שנעל ווי א בליץ פארווארפט ער דעם נעץ און כאפט דאס... מיט א געניגטקייט האט ער זיך געלאזען צום ברעג, גערודערט מיט די וויאסלעס מיט זיינע אייזערנע מוסקולען, געמאכט א וועג צווישען די כוואליעס. . . און צוגעקומען צום ברעג. צוגעבונדען די לאדקע צום שלופ, ארויסגעכאפט דעם גאלדענעם העכט פון דער נעץ . . .און איבערגעגעבען עס צו זיין ווייב און עס איז געווען א סאפער כיד המלך אז מען האט שוין פארגעסען אן דעם שטורם.

א שווערען לעבען מאכט שמשון־הגבור און אלע דיסענקער אידען: זיי באארבייטען די ערדביים פריץ צו וועמען עס געהערט דאס שטעטעל, האקען האלץ אין וואלד און גרוזשענען אן זייערע גרויסע לאיוועס (בארזשען) מיט תבואה און אלערליי סחורות און פיהרען קיין ריגא דורך זייער ליבע מאמע־טייך „זאפאדנאיא־דווינא״ — און פאר'ן איבערפיהרען די סחורות פון דיסענקא אין ריגא, באצאהלען די סוחרים צו די לאוואטשניקעס א באוואוסטען פרייז. זיי האבען פיל אויסצושטעהן איידער זיי קומען אן קיין ריגא, ווארום זיי מוזען אריבער די פאראגעס (שפיציגע וואסער־שטיינער) לעבען ריגא, די שווערע אנגעגרוזשטע לאווע טראגט זיך איבער די פאראגעס שנעל, גרינג ווי א ניסעל. אמאל טרעפט אז די לאווע ווערט צושמעטערט און דער לאוואטשניק פארלירט

אויך זיין לעבען. נאָר די מעהרהייט קומען אָן בשלום קיין ריגא און באקומען זייער געלט.

אַז די לאַוואַטשניקעס געהען דורך בשלום די פּאַראַגעס טעלעגראַפירען זיי צו זייער פאַמיליע. פון אָנפאנג זומער גלייך ווי עס שפּאַלט זיך דער טייך מאַכען זיי דורך זייער יאַזדע עטליכע מאָל פון דיסענקא ביז ריגא. נאָר אין תמוז פאַלט אָפּ דאָס וואַסער, ווערט דער טייך שמאָלער, טרוקענער אין אנדערע ערטער. און עס קומט אויס פון ריגא צו שלעפּען די ליידיגע שווערע ליאַווע כמעט אויף זיך. די לאַוואַטשניקעס שפּאַנען זיך איין ווי די פערד; פאַרגאַרטלען זיך מיט גראָבע שטריק און שלעפּען די לאַיוועס ביים ברעג טייך. פיהרען אַ קאַמף מיט די צווייגען פון די בוימער, וואָס וואַקסען ביים ברעג טייך און צודראַפּען זייערע געזיכטער. דורך גרויס מאַטערניש קומען זיי בשלום אהיים פאַרשוואַרצטע, פאַר׳חשכ׳טע . . .

דאָס קליינוואַרג וואָס געפינט זיך ביים ברעג טייך דערזעהן זייער אָנקומען, לויפען זיי אַנזאָגען זייערע פאַמיליעס און שרייען אויס: „איצקע, חיימ׳קע — זיינען אָנגעקומען!״ . . . די ווייבער מיט די קינדער לויפען ארויס זיי מקבל פנים זיין און עס ווערט א גאַנצע שמחה . . . מען שטעלט דעם סאַמאָוואַר, אלע ארום טיש, בייסען צו, רוהען זיך אָפּ פון זייער שווערער ארבייט. ציילען אויס זייער קאַפּיטאל און גיבען באַהאַלטען אַ טייל געלט צו זייערע ווייבער אויפ׳ן ווינטער . . . ווען עס קומט דער שווערער שטאַרקער ווינטער ווערט די מאָמע טייך — זאַפּאַדנאַיאַ דווינאַ פאַרפראָהרען, פאַרשלאָסען, באַקלייד זיך מיט דעם שווערען דיקען אייז; שטום—שטיל ווערט ארום דעם קאַכעדיקען טייך, וואו טויזענדער מענשען האָבען געארבייט טאָג איין, טאָג אויס, א גאַנצען זומער . . . און פאַרקלונגען מיט זייערע זיסע לידער דעם גאַנצען געגענד. — דאַן ווינטער, ווערט אָפּגעשניטען די גאנצע פרנסה פון די לאַיוואַטשניקעס. זיי בינדען צו צום ברעג זייערע „לאַיוועס״ און וואַרטען אויפ׳ן ספּרינג . . .

דער ווינטער, וועלכער דורכט זיך אויס פּאַר אַן אייביגקייט אין די אויגען פון די לאַיוואַטשניקעס, געהט פאַרביי, עס קומט אָן דער ספּרינג. אָט באַלד דאַרף זיך דער טייך עפענען.

איינמאָל האָט זיך דער טייך געעפענט ביינאַכט. עס האָט זיך דערהערט א רעש, אזוי ווי דאָס ברומען פון אַ ווילדע חיה, דאָס אייז ברעכט זיך, טראָגט אראָפּ אלעס פון איהר וועג, מיט א מורה׳דיגען רעש, עס טראָגען זיך שנעלליך גאנצע בערג מיט אייז, די כוואַליעס יאָגען איינע די אנדערע, פאַרטרינקען דעם געגענד אויף א גרויסען שטח און עס דוכט זיך אויס אז אלע הייזקעס פון דיסענקא מיט אלע איינוואוינער וועלען אראָפּגעטראָגען ווערען אין תהום . . .

ווען דער טייך האָט זיך איינמאָל איינגעבראָכען אין מיטען נאַכט, האָבען זיך די „לאַיוואַטשניקעס״ זיך אויפגעכאַפּט, ווי איין מענש, צו ראַטעווען

זייער האָב און גוטס — די לאַיוועס — האַלב נאַקעטע האָבען זיי זיך ארויס־געשאָטען צום ברעג־טייך; געצויגען מיט אלע קרעפטען וואָס ווייטער פון ברעג זייערע „לאַיוועס״. — די ארבייט האָט געקאָכט, מען האָט געשלעפט שטריק, העק פון די הייזער. מיט מסירת־נפש האָבען זיי זיך „געפייט״ מיט די ברויזיגע כוואַליעס און אייז־קריעס, געהאקט שלופעס און געבונדען די גראָבע שטריק ארום זיי . . . נאָר זייער אָפּפערונג איז געווען אומזיסט, די די שטאַרקייט פון דער נאַטור האָט באזיגט דעם מענשליכען כוח . . . די בערג אייז מיט די כוואַליעס, וואָס האָבען געטאַנצט ווי די שדים האָבען גע־בראָכען זייערע לאַיוועס דאָס איינציגע האָב און גוטס זייערע — זייער גאַנצער פאַרמעגען. זיי האָבען צוגעבונדען די לאַיוועס צו די סלופעס, די לעצטע עבודה אָפּגעטאָן האָבען זיי זיך צונויפגעזאַמעלט אין שמשון־הגיבור׳ס הויז אָפּכאַפּען דעם אָטעם און באַראַטען זיך וואָס ווייטער צו טאָהן . . . נאָר מען האָט קיין עצה ניט געקענט געפינען . . . צוטומעלטע זיינען זיי ארומגעלאָפען אין הויז . . . געבראָכען די הענט און ניט געוואוסט וואָס צוטאָן . . . מעהר פון א לעמען איז געווען פאַרצווייפעלט שמשון־הגבור, זיינע אויגען זיינען געווען אָנגעגאָסען מיט בלוט, אזוי ווי א לייביכע ביי וועלכע מען רויבט אוועק איהר איינציג קינד . . . און אָט האָט זיך דערהערט נאָך אַ קראַך, טראַך, טאַראַראַך . . . שמשון־הגבור האָט זיך א ציה געטאָהן ארויסצולויפען פון הויז . . . אינסטינקטיוו האָבען די „לאַוואָטשניקעס״ דאָס געפילט, זיי האָבען איהם ארומגערינגעלט, פאַרצאַמט די וועג . . .

דאָס בלייכע וויב האָט זיך איינגעקלאַמערט אין איהם, די קינדער — געיאָמערט, נאָר ער האָט געשריען מיט באַנומענע קולות, מיט רציחה: „לאָזט מיר אָפּ!״ — מיט זיינע אייזערנע מוסקולען האָט ער זיי צושטופט, ארויסגעלאָפען פון הויז און געוואָרפען זיך צו זיין ברויט־געבער „לאַיווע״ געשלעפט איהר ווייטער צום ברעג פון צוגעבונדענעם סלופּ, וואָס האָט זיך קוים געהאלטען פון די אָנגעשפּאַרטע אייז־קריעס. מיט אמאָל „טראַך״ — דאָס שטריק האָט זיך אָפּגעריסען . . . דער סלופּ איז פאַרשוואונדען . . . שמשון האָט זיך אריינגעוואָרפען אין לאַיווע, גענומען די וויאָסלעס און אָנגע־הויבען צו טרייבען די ליאַווע צום ברעג . . . נאָר דער טייך ווערט אַ קאָכיגער ים; די וואַלנעס מיט קריעס־בערג טראָגען זיך מיט אימפּעט און רעש, אַזוי ווי די טייוואַלים, הויבען זיך וואָס ווייטער העכער מיט א מהומה און טראָגען מיט שמשונ׳ען מיט זיין לאַיווע . . . און נייע קריעס־בערג טראָגען זיך פון דערווייטענס און מיט אַ רעש וואַרפען זיי זיך ארויף ווי די שלאַנגען אויף די ערשטע אייז־קריעס, עס קומט פאָר צווישען זיי א קאַמף, זיי ווילען גובר זיין איינע די צווייטע, עס רוישט, עס קאָכט און דער גאַנצער טייך ווערט אַ קאָכיגער קעסל, וועלכער שלעפט אריין מיט זיך אלעס און וואַרפט אריין אין תהום אויך שמשון מיט זיין לאַיווע . . .

אידישער הומאָר פון נייע און אַלטע קוואַלען

זי געטרויעט ניט.

אין שפיטאָל, וואו א דאָקאָטאָר האָט אין זיין אָפּטיילונג דורכעפירט איינשפריצונגען אויף פארשידענע פּאַציענטען, האָט זיך אויך געפונען אן עלטערע אידענע, וואָס האָט שוין איינמאָל געהאט אַזאַ איינשפריצונג אין איהר אָרעם, און איצט האָט דער דאָקטאָר גענומען מאַכען איהר אַזאַ איינשפריצונג אין רוקען. בעת דער דאָקטאָר האָט געטאָהן זיין ארבייט, האָט ער באמערקט אַז די אַלטיטשקע קוקט אריין אין א שפּיגעלע, וואָס זי האלט אין האנט.

— וואָס קוקט איהר אין שפּיגעלע? פרעגט דער דאָקטאָר.

— איהר זאָלט מיר געזונט זיין, — ענטפערט זי, — פריהער, אז איהר האָט געמאכט דעם איינשפּריץ אין האנט, האָב איך געקאָנט זעהן וואָס איהר טוהט, אָבער אז איהר טוהט דאָס אין מיין רוקען, קאָן דאָך זיין, אז איהר נאַרט מיר אָפּ, דערפאַר קוק איך אין שפּיגעלע, צו זעהן אויב איהר טוהט עס ריכטיג.

דעם ספר׳ס ווייב׳ס שאלה.

א ספר האָט געהאט זעהר א פרומע שפּראַצאַמע פרוי. פרייטאָג איז זי געווען זעהר „ביזי" מיט׳ן צוגרייטען דעם שבת. זי האָט גענומען א נאָדעל מיט אַ באַנוועל און האָט פארנייט די „קישקע" אויף שבת; עס איז איבערגעבליבען אין נאָדעל שטעקען אַ שטיקעל באַנוועל און אזוי ווי זי איז אַ קאַרגע האָט זי דאָס ניט ארויסגעוואָרפען און האָט די נאָדעל מיט׳ן באַנוועל אריינגעשטעקט אין אַ קישעלע, אויפ׳ן צווייטען שבת א״ה.

זונטאָג האָט געבעטען דער מאַן זיין ווייב זי זאָל איהם צונייען אַ קנעפּעל צו די הויזען. האָט זי גענומען די נאָדעל מיט דעם זעלבען פאָדים וואָס איז געבליבען פון דער קישקע און האָט צוגענייט. נאָכדעם האָט זי פארלאָזען דאָס שטוב. דער מאַן וויל ניט איבערלאָזען אליין דאָס הויז, וואַרט און וואַרט. אין א שטונדע ארום איז זיין ווייב אריינגעקומען.

— וואו ביזטו נעלם געוואָרען מיט אַמאָל? פרעגט איהר דער מאַן.

— אזוי ווי היינט איז די 9 טעג, זאָגט זי, און איך האָב דיר איינגענייט דאָס קנעפּעל מיט אַ פליישיגען פאָדים, האָב איך געפרעגט דעם רב א שאלה צו דו מעגסט היינט אָנטאָן די הויזען? . . .

די עצה.

אין אידישען שפיטאָל זיצט א איד אַ פאַר׳דאגה׳טער און קרעכצט. ער וואַרט אויפ׳ן דאָקטאָר. געהט צו צו נאָך אַ איד און פרעגט איהם: — ר׳ איד וואס זענט איהר אזוי פארכמורעט, פארזאָרגט ?

— אַ, ענטפערט דער חולה, עס איז ביטער, ברודערקע, איך בין שטאַרק קראַנק, איך האָב טויזענט דאגות אויף מיין קאָפּ: די גרודז שטעכט מיר, דער רוקען ברעכט מיר, ביידע הענט טרייסלען זיך, ביידע פיס דרייען מיר, די קאָפּ שפּאַלט מיך, די לעצטע פינף צייהן פון מויל טוען מיט שטאַרק וועה . . אויך האָב איך גאַל שטיינער אודאי פינף . . . דערצו האָב איך האַי־בלאַד פרעזשור, און אליין בין איך אינגאנצען קראַנק, איין גליד ניטאָ קיין גאנצער...

— נו, זאָגט איהם דער צווייטער איד — איז כדאי, פעטער, אזויפיל צו דאגה׳נען ? אַט, אדרבא, נעמט א בלייפעדער און פארצייכענט וויפיל קרענק איהר האַט: —

די גרודז שטעכט — — — — — — — —	1
דער רוקען ברעכט — — — — — — —	1
ביידע הענט טרייסלען — — — — —	2
ביידע פיס דרייען — — — — — — — —	2
די קאָפּ — — — — — — — — — — —	1
די פינף קראַנקע צייהן — — — — —	5
די פינף גאַל שטיינער — — — — — — —	5
האַי־בלאַד פרעזשור — — — — — — —	1

וויפיל זשע איז עס צוזאמען ? — — — — — — 18 קרענק

— זעהט, אַט האָט איהר איצט איין דאגה אויפ׳ן קאָפּ, ווי ווערט מען פטור פון 18 קרענק, און אַן עק, וואָס־זשע דאַרפט איהר ברעכען דעם קאָפּ מיט טויזענט דאגות ? . . .

אַ שמועס צווישען צוויי ישיבה בחורים.

צוויי הונגעריגע ישיבה בחורים זענען געזעסען ביים וואַרימען אויוועז און האָבען גערעדט וועגען וועלטליכע זאכען. זאָגט איינער צום צווייטען: ווי קומט עס אז בראנפען מאַכט מען פון קאָרן און מען ווערט שיכור, פארוואָס ווערט מען ניט שיכור פון ברויט ? רופט זיך אָפּ דער צווייטער ישיבה בחור: איך ווייס ניט, איך וועל דיר זאָגען דעם אמת איך האָב קיינמאָל ברויט צו זאַט ניט געגעסען. האָט מען געקליבען א קאָפּיקע צו אַ קאָפּיקע צו קויפען א ברויטעל. ווען מען האָט געקויפט דאָס ברויטעל איז ווידער געווען א פראגע צי ביידע זאָלען זיך צוטיילען, אָדער איינער פון זיי זאָל אויפעסען אינגאנצען

און דער צווייטער זאָל איהם קוקען אין מויל אריין . . . זיי האָבען געוואָרפען גורל אז איינער זאָל איהם עסען. אויף דעם וואָס איז אויסגעפאלען דער גורל האָט זיך געוואָשען, געמאכט א ברכה, דער צווייטער האָט געענטפערט אָמן. הונגעריג איז ער געווען האָט ער זיך גענומען פאר דער אכילה און געמאכט אָגיל ואשמח . . .

דער צווייטער ישיבה צחור פרעגט איהם:

— נו, ביזטו שיכור?

— שיכור ווי שיכור, פרעהליכער בין איך! . . .

זי זאָל ניט עלטער ווערען.

אַן אלמן א בעל־מלאָכה האָט געוואָלט טאָהן א שידוך, האָט א שדכן איהם גערעדט א שידוך מיט אַ גאַנץ פיינע אלמנה א יאָהר 35, מיט צוויי קינדערלאך, דערצו האָט זי געהאט צוויי טויזענד דאלער. דער שידוך איז אויסגעפיהרט געוואָרען.

האָט זי איהם אריינגעבראכט גאנצע 4 קליינע קינדערלאך . . . און דער לאָנגט איהם איהר באנק־ביכעל, וואָס באשטעהט פון אַנדערהאלבען דאלער . . . א חוץ דעם האָט ער זיך דערוואוסט פון די שכנים, אז זי איז אלט 55 יאָהר . . . זאָגט ער צו איהר אזוי: — מילא דו האָסט מיר אָפגענארט מיט די קינדער — אַנשטאָט 2 איז 4, נו, וואָס קענסטו מאכען, קענסט זיי דאָך ניט באגראָבען . . . די 2 טויזענד דאלער ניטאָ, האָט איהר דאָך געדארפט עסען נאָך דעם מאַנ׳ס טויט . . . אָבער וואָס האָסטו מיר אָפגענארט אין דיינע יאָהרען? אלזאָ, ווער כאָטש ניט עלטער פון היינט מאָל אָן . . .

די זייט.

געווען א איד, וואָס ביי איהם האָבען זיך ניט געהאלטען די ווייבער, רחמנל״צ. אייניגע זיינען געשטאָרבען, אייניגע האָט ער גע׳גט . . . ער האָט חתונה געהאָט צום זיבעטען מאָל, גראדע דאָס מאָל געטראָפען. גענומען א אשת־חיל און ניט קיין פראָסטע אידינע. איינמאָל אָ שבת בראשית האָט זי אָפגעלייענט איהר „צאינה וראנה״ און צוגעגאנגען צו איהר מאַן, נעהמט איהם ארום פריינדליך און טאָפּט זיין זייט . . .

— פרעגט ער איהר, וואָס טוסטו ? עס קיצעלט זיך . . .

— איך וואונדערזיך, זאָגט זי, גאָט האָט באַשאַפען חו׳ן פון אדמ׳ס זייט פון זיין ביין . . . האָט געפעלט ביי אדם׳ן אַ ביין . . . און דו האָסט די זיבעטע ווייב דאַרף דאָך דיר פעלען זיבען ביינער? . . .

— פארשטעהסטו מיר מיין ווייב, איך האָב אָפּגעמאכט מיט'ן רבונוש"ע אויף אַ גאַנצען דאָזען ווייבער . . . וועל איך אוועקגעבען מיט אַמאָל א גאנצע זייט . . .

מיט'ן זוים אראָפּ.

אין וועסט קאַנאַדע אין דער שטאָדט ש. האָט געוואוינט א רייכער בכבוד'יגער איד. ויהי היום זיין ווייב רמ"ל איז ביי איהם אָפּגעשטאָרבען. אוועק א היבשע צייט האָט זיך איהם פארוואָלט חתונה האָבען נאָך אַמאָל. זיינע פארהייראַטע קינדער האָבען איהם אויך צוגערעדט חתונה האָבען. אַ שדכן האָט איהם גערעדט א שידוך מיט אַ שעהנער אלמנה, א יאָהר דרייסיג. ער איז געווען א בן־שבעים, נאָר אויסגעזעהן אסך אינגער. דאָס ווייבעל איז איהם שטאַרק געפעלען געוואָרען . . . זי איז געווען אינדעפּענדענט, און אנדערש ניט געוואָלט חתונה האָבען ביז וואַנעט ער וועט אָפּשרייבען אויף איהר נאָמען צעהן טויזענט דאלער, וועלכע זי וועט באקומען נאָך זיין שטאַרבען. מיסטער פּ. האָט אלץ אויסגעפאָלגט . . . די קינדער האָבען געמיינט אז ער וועט נעהמען אַן עלטערע פרוי, און יעצט גאָר א יונגע . . . נאָר פארפאַלען.

זי פלעגט אָפט ארומפאָהרען צו איהרע קרבים, ער פלעגט ניט וועלען ליידען, נו, וואָס קען מען טאָהן —עס איז דאָך די צווייטע פרוי . . . אזוי האָט זיך געלעבט א פּאָר יאָהר. ויהי היום, ער איז קראַנק געוואָרען און אָפּגעשטאָרבען. דאָס ווייבעל האָט איינגעלייגט וועלטען, געוויינט, געיאָמערט גע'טענה'ט אז נאָך אַזאַ טייערען מאַן וועט זי שוין קיינמאָל ניט הייראַטען . . .

איינער פון די חברה קדישא, א וויצלינג רופט צו די יונגע אלמנה און זאָגט צו איהר, זייט וויסען ליבע פרוי אז וואָס מען זאָגט צו אַ מאַן— אַ מת מוז מען מקיים זיין, איז אזוי, אויב איהר וועט ניט הייראַטען דארפען מיר, חברה קדישא" אַנטאָהן איהם זיינע „תכריכים" מיט'ן זוים ארויף, און אויב איהר מיינט יאָ הייראַטען, דארפען מיר איהם אַנטאָהן — מיט'ן זוים אראָפּ. ווי זאָל מען טאָהן, ווייבעלע?

ענטפערט זי וויינענדיג: טהוט איהם אָן בעסער מיט'ן זוים אראָפּ . . .

די קאַטוילישע דינסט.

. אַ מאַן וואָס האָט זיך גוט ארויסגעארבייט און איז שוין פון דאַן־טאַן ארויף אפּ־טאַן האָט ער און זיין פרוי שוין מעהר ניט געוואָלט קיין אידישע דינסט אין הויז, נאָר אַ פראַנצויזישע — אַ קאַטאָליטשקע, אַזאַ וועט האָבען מעהר רעספּעקט . . . און מען וועט זיך אויסלערנען פון איהר פראנצויזיש . . . איך מוז אָבער באמערקען אז די יונגע פּאָר האָבען געפירט א כשרה קיך. דאָס

האָט געשטערט די ערשטע צייט צו האלטען א פראנצויזישע דינסט. נאָר די פרוי האָט אויפגעוויזען באותות ומופתים אז א קאַטאָליטשקע אלס קעכין וועט אָפּהיטען כשרות בעסער ווי אַ אידישע קעכין, זיי זייגען פרומער . . . און וואו איז זי די מאַדאַם, זי וועט אכטונג געבען מיט א שאַרפע אויג, ער דער מאן דארף קיין צער ניט האָבען . . . דער מאן האָט מסכים געווען . . . גערעדט און געטאָהן און מען האָט ארייגענומען א פראנצויזישע דינסט. די מאַדאַם האָט איהר אויסגעלערענט ווי צו האלטען דאס פליישיגע געשיר אָפּגעזונדערט פון די מילכיגע. איינמאָל האָט באמערקט די מאַדאַם אַז די דינסט האָט געמאכט אַ מיש־מאַש צוזאמענגעלייגט די מילכיגע לעפעל מיט די פליישיגע צוזאמען . . .

— ווארום, מאַרי, צומישטו די לעפעל? איך האָב דאָך דיר געלערענט מילכיגע באזונדער, פליישיגע באזונדער.

— כ׳וויס, מאַדאַם, נאָר איצט איז אלץ איינס, נעכטען צו סאָפּער מיל־כיג געמאכט די פליישיגע לעפעל אלע, איך האָב זיי געגעבען צום מילכיגען סאָפּער . . .

באזיגט דעם גלח.

אַ גלח אַ שונא ישראל, האָט אמאָל ארויסגערופען דעם רב פון שטעטעל אויף א דיספּיוט. ער האָט מיט איהם אָפּגערעדט, אז ביידע זאָלען זיך שטעלען אויף אַ שיפעל אין מיטען טייך און איינער זאָל דעם צווייטען פרעגען פראגעס, און ווער עס וועט ניט וויסען וואָס צו ענטפערען, זאָל איהם דער אנדערער ארייננוואַרפען אין טייך. דאָס האָט געדארפט פארקומען אין א באַשטימטען טאָג. דער רבי האָט דאָס דערצעהלט די אידען אין שטעטעל. עס איז געוואָ־רען טרויעריג. מאַלע וואָס דעם רשע קאָן איינפאַלען צו פרעגען, אזוי אז דער רב זאָל ניט קענען ענטפערען, און קען פארלירען זיין לעבען.

אין מיטען דעם טומעל באוויזט זיך דער טרעגער פונ׳ם שטעטעל און זאָגט אז ער נעהמט זיך אונטער צו האלטען מיט׳ן גלח דעם דיספּיוט. דער עולם האָט מסכים געווען.

דער גלח ווידער איז אויך געווען מעהר צופרידען מיט׳ן טרעגער, ווייל דער רב איז דאָך פאָרט אַ געלערענטער מענש און קאָן איהם נאָך מנצח זיין.

דער טרעגער און דער גלח זיינען שוין געשטאַנען אויפ׳ן שיפעל, און נאָך דעם ווי מען האָט געוואָרפען גורל איז געפאלען אויפ׳ן טרעגער, האָט ער טאַקע גלייך אַ פרעג געטאָהן:

— וואָס איז דער טייטש פון „איני יודע״ ?

— איך ווייס ניט — מאַכט דער גלח.

— אַהאַ, דו ווייסט ניט, — שרייט אויס דער טרעגער און גיט מיט זיינע שטאַרקע הענט א הויב דעם גלח און שליידערט איהם אין וואסער אריין . . .

ווען מען האָט שפּעטער דעם טרעגער געפרעגט, וואָס איז דיר עפּעס איינגעפאַלען צו פרעגן דוקא דעם טייטש איני יודע? — האָט ער געענטפערט: „איך האָב דאָס אַמאָל געפרעגט מיין רבי׳ן אין חדר, האָט ער געזאָגט „איך ווייס ניט״. נו, אז אַ רבי ווייס ניט, טאָ ווי קאָן דער גלח וויסען . . .

דער קאַרגער גביר און דער מגיד.

עס איז געווען אַ קאַרגער גביר און מען פלעגט צו איהם קומען בעטען אַ נדבה, פלעגט ער זאָגען אַ תירוץ: „איך גיב דעם טאַטען״ — האָט מען חוקר ודורש געווען אז דעם טאַטען גיט ער אויך ניט. ווען מען האָט איהם דאָס געזאָגט, ענטפערט ער מאַדאַך אז מיין אייגענעם טאַטען גיב איך ניט, אַ פשיטה שוין צו א ווילד פרעמדען . . . ?

איינמאָל איז צו אַזאַ חברה־מאַן געקומען אַ מגיד בעטען ביי איהם אַ דאָנעישאָן אויף אַ וויכטיגע זאַך. דער גביר וויל גאָר ניט הערען, איינמאָל — „נייך״. — פאַר׳ן אוועקגעהן זאָגט צו איהם דער מגיד:

— איהר האָט אַ גרויסען זכות, איהר זענט מזומן לחיי עולם הבאַ . . .

— איהר מאַכט חוזק, זאָגט צו איהם דער גביר, פאַרוואָס איך גיב ניט קיין צדקה, וועל איך האָבען עולם הבאָ ?

— איך וועל אייך דערצעהלען א מעשה׳לע וועט איהר זעהן אַז דאָס איז אמת, זאָגט דער מגיד, געווען אַמאָל א גביר א קמצן, וואָס האָט אפילו איין סענט ניט געגעבען אויף זיין לעבען צו אַן אָרימאַן. איינמאָל פאַר׳ן שטאַרבען האָט דער גביר געבעטען אז מען זאָל איהם מיטגעבען זיין גאַנץ געלט אין קבר אריין. מען האָט מקיים געווען זיין צוואה. ער איז געקומען פאַר׳ן בית דין של מעלה און מען וויל זעהן וואָס ער האָט אויפגעטאָהן אויף דער וועלט האָט מען געעפענט דעם ספר הזכרונות און מען האָט אויסגעפונען אז ער האָט גאָרנישט אויפגעטאָן אויף דער וועלט און ניט ארויסגעהאָלפען קיינע אָרימעלייט . . .

— וואָרום האָסטו ניט מקיים געווען די מצוה פון צדקה ? פרעגט מען איהם.

— דערפאַר ווייל אויפ׳ן עולם השקר דרעהען זיך ארום בלאָפערס — האָב איך מיין געלט מיטגעבראַכט דאָ צו צוטיילען . . .

— אַ חכם אַ איד, אַ וויכטיגע טענה. האָט זיך דער בית־דין של מעלה גע׳ישוב׳ט און ארויסגעטראָגען, אַזאַ פסק־דין: אויב עס וועלען זיך אויסגעפינען נאָך צוויי אזעלכע וואָס האָבען געטאָהן ווי ער, וועט מען איהם געבען גן־עדן. מען האָט געזוכט און איינער האָט זיך אויסגעפונען, דאָס איז קורח, ער איז באַגראָבען געוואָרען צוזאַמען מיט זיין געלט, איצט, מיין פריינט, וואַרט מען אויף אייך, איהר וועט זיין דער דריטער: קרח, יענער קמצן און איהר, וועט איהר זיין אַ „מזומן לחיי עולם הבאָ . . .

„ספּענר - געלט"

אהב את המלאָכה. (פּרק ראשון)

אמאָל איז געווען א קינג וואָס האָט גליקליך געלעבט מיט זיין פרוי, וועלכע איז געווען א באוואוסטע שעהנהייט, א קלוגע מיט א גוטען כאַראַקטער. נאָר מיט א מאָל איז זיין גליק פארשוואונדען געווארען: זיין פרוי איז גע־גאנגען שווער צו־קינד, זי האָט איהם געבוירען א טאָכטער און באצאָהלט מיט איהר לעבען. דער אומגליק איז געווען זעהר גרויס און ער איז ארומגע־גאנגען צוטומעלט. דאָס קינד איז געווען זיין גאנצע טרייסט אין לעבען, זי האָט געבליהט ווי א ראָזע, געווען שעהן און קלוג. ווען דאָס קינד איז עלטער געווארען, האָט ער געציטערט איבער איהר און איהר נאָכגעגעבען אין איהרע אַלע קאַפּריזען. ווען זי איז געווארען נאָך עלטער האָט זיך ביי איהר ענטווי־קעלט א שלעכטער כאַראַקטער אַז אלעס וואָס זי זעהט און וואָס זי וויל, מוז זי דאָס קריגען, וואָס פאַר א טייערער פּרייז עס זאָל ניט באטרעפען

דער פאָטער פון זיין גרויס ליבע צו זיין טאָכטער, האָט איהר אלעס נאָכגעגעבען. זי האָט געשפּענט געלט אויף רעכטס און לינקס, אָהן אַ ברעג אויף קאָסטבאַרע זאַכען, און דעם פאָטערס קאַסע האָט זיך אויסגעשעפּט . . . ניט קוקענדיג דאַרויף האָט דער פאָטער איהר ניט אָפּגעשטעלט און ניט אויס־געריידט, ווארום די ליבשאַפט צו זיין טאָכטער האָט איהם פארבלענדט די אויגען. די טאָכטער האָט וואָס ווייטער מעהר געשפּענט און דער קיסר איז געווען געצוואונגען אַנצוריהרען דעם פאָלקס קאַפּיטאַל . . . און אָט שעפּט זיך אויך אויס דעם פאָלקס קאַפּיטאַל . . . און דער מלוכה אַפּאַראַט ווערט צופאַלען . . .

דער קיסר האָט דערפילט די סכנה, האָט ער זיך באַראָטען מיט זיינע מיניסטאָרען צוצוטראַכטען אַ מיטעל ווי אויסצוהיילען זיין טאָכטער פון איהר קראַנקהייט וואָס טראָגט דעם נאָמען: „ספּענט געלט". . . .

דאָן האָבען די מיניסטאָרען גע'עצה'ט דעם קעניג אויסצורופען אַ רוף: „ווער עס וועט אויסהיילען דעם קיסר'ס טאָכטער פון איהר קראַנקהייט „שפּענט־געלט" פאַר דעם וועט זי חתונה האָבען".

אַזוי ווי זי איז געווען אַ באַרימטע שיינהייט און גוט געלערענט זענען געקומען פילע יונגע לייט חכמים וואָס האָבען געוואָלט געווינען איהר האַנט, זיי האָבען אַנגעווענדעט אלערליי מיטלען און בשום אופן ניט געקענט איהר אויסהיילען. דעם קיסר'ס טאָכטער האָט ווייטער געשפּענט געלט, נאָך מעהר ווי פריהער . . .

איינמאָהל פון אַ ווייטען לאַנד, איז געקומען אַ קעניגס אַ זוהן, א חכם, וועלכער האָט געהערט וועגען דער שיינהייט און וועגען איהר קראַנקהייט — ער האָט איהר געוואָלט פאַר א פרוי נאָר פריהער איהר אויסהיילען . . . ער האָט זיך פארשטעלט פאַר אַ רייכען סוחר; ער האָט מיטגענומען טייערע ברי־

ליאַנטען, דימענטען, פּערל און נאָך טייערע חפצים און אָנגעקומען אין פּאַלאַץ
פון דער פּרינצעסין. זי האָט ערשיינט פאר איהם. ער איז איבעראשט געוואָרען
פון איהר שיינהייט. ער האָט אין זיין לעבען קיינמאָל ניט געזעהן אַזאַ פּראַכט־
פולע פּרינצעסין. זי האָט ביי איהם אויסגעקויפט די בעסטע בריליאַנטען, די־
מענטען און פּערל . . . צום סוף, האָט ער איהר געוויזען א וואונדערבאַרען
פּראכטפולען פויר־קאָוט וואָס פארנעמט אן אויג. דעם קיסר׳ס טאָכטער איז
געוואָרען איבעראשט פון פּראַכטפולען פויר־קאָוט, אָנגעמאָסטען איהם, גע־
דרעהט זיך פאר׳ן שפּיגעל און געהאט גרויס חשק איהם אָפּצוקויפען . . . אָבער
דער כיטרער סוחר האָט ניט געוואָלט צו איהר פארקויפען. ער האָט געזאָגט
אַז דער פויר־קאוט באטרעפט א גרויסע סומע געלט און איהר פאטערס קאפּי־
טאַל וועט ניט קענען דעקען די סומע. זי האָט זיך אויפגערעגט פון אזעלכע
ווערטער און איהם אויסגעזידעלט פאַר אַזאַ העזה, ווארום איהר פאָטערס רייכ־
קייט איז באוואוסט אויף דער גאנצער וועלט. נאָר דער סוחר האלט זיך ביי
זיינס און טענה׳ט אז ביי איהר פאָטער וועט ניט זיין גענוג געלט צו באצאָהלען
פאַר אַזאַ קאָסטבארען פויר־קאוט. זי האָט געזעהן אַז מיט בייזען וועט זי
גאָרנישט אויספיהרען, האָט זי אנגעהויבען מיט גוטען, ער זאָל איהר פאר־
קויפען דעם פויר־קאָוט; דאַן האָט דער סוחר צו איהר געזאָגט: „זיי וויסען,
פּרינצעסין, אַז ניט איבער דעם גרויסען פּרייז פון פויר־קאוט זאָג איך דיר אַז
דיין פאָטער וועט ניט קענען דעקען דעם פּרייז, אדרבא, דער פּרייז פון פויר־
קאוט איז זעהר א קליינער; נאָר איך וויל דעם פּרייז פון פויר־קאוט אזוי פיל
וויפיל דער שניידער האָט באקומען פאר זיין פּראַצע — פאר׳ן נייען דעם פויר־
קאוט מיט זיין שוויס פון זיין געזיכט, און דו, פּרינצעסין, האָסט קיינמאָל זיך
ניט געמאַטערט פארדינען געלט, און אלעס וואָס דו שפּענסט און האָסט, איז
דאָס געגעבען דיר פון דיין פאָטער. און איצט איז אזוי, אויב דו ווילסט האָבען
דעם פויר־קאוט פאַר זיין געמיינעם פּרייז, גיב מיר דאָס געלט, וועלכע דו
האָסט אליין אויף זיי געהאָרעוועט און פאַרדינט אָהן דער הילף פון אַ צווייטען.
זי איז מרוצה געווארען.

דעם קיסר׳ס טאָכטער האָט אָנגעהויבען צו קלערען ווי קען זי פאַר־
דינען אַזאַ סומע? זי האָט זיך דערמאָנט אז זי פלעגט מאָלען בילדער און אַלע
מענשען האָבען באוואונדערט איהר טאַלאַנט. האָט זי זיך באַראַטען מיט איהרע
דינער און גענומען איינע פון די בילדער און מיט איהר דינער אוועקגעשיקט
אין מארקעט צו פארקויפען און איהם פארזאָגט אז ער זאָל ניט זאָגען אז דאָס
בילד האָט געמאָלען דעם קיסר׳ס טאָכטער, ווארום מען וועט דאַן געבען פיל,
כאָטש עס איז ווינציג ווערט. דער דינער איז געקומען מיט ליידיגע הענט,
וואַרום מענשען האָבען אָפּגעלאכט און געזאָגט אז דאָס איז ניט קיין בילד,
נאָר א פארזעהעניש . . . זי האָט געשיקט א צווייטען מאָהל אַ „שיר״ וואָס
זי האָט אמאָל אָנגעשריבען אויף פּאַרמעט אין אַ גאָלדענעם ראַמעל; נאָר אויך

דאָס מאָל האָבען מענשען אָפּגעלאַכט און געזאָגט אז עס איז ניטאָ קיין פונק פון קונסט און פּאָעזיע. דאַן האָט זי פאַרשטאַנען ווי ווייט זי איז אָפּגעשטאַנען פון קונסט. נאָר די הויף־מענשען האָבען איהר גע׳חנפ׳עט — פאַלש געווען, און געמאכט איהר פאַר א מאַלערין, אַ דיכטערין . . . . זי האָט ניט געקענט קיין עצה זיך געבען . . : .

איהרע קאַמער־מיידלאך האָבען ניט געקענט צוזעהן איהר צער און האָבען איהר גע׳עצה׳ט אז זי זאָל פארלאָזען איהר גאָלדענעם קאַבינעט (פּאַלאַץ) און זיך ארייינציהען אין קיטשען, באַקען אלערליי „קעיקס״, זיי פארקויפען, דאַן וועט זי פארדינען די סומע געלט, וואָס דער סוחר פארלאנגט פאר דעם פויר־קאוט. זי האָט געפאָלגט, מען האָט איהר געבראכט: מעהל, וואסער, מילך, פּוטער און אלעס, זי האָט אַליין געקנאָטען דאָס טעג, געטייטעלט זיי אויף חלקים, אויסגעוואַלגערט, אָנגעפילט מיט אלערליי ווארעניעס און האָט זיי באַשמירט מיט בוימעל און האָניג. און נאָך פיל מיה האָט זיך איהר איינגעגע־געבען אויסצובאַקען גוטען „קעיק״; איהרע דינער האָבען דאָס פארקויפט. אזוי איז זי געשטאַנען אין קיך און געבאַקען טאָג־איין, טאָג־אויס טראָפּענס שווייס האָט געטריפט פון איהר. איינמאָל האָט זי גע׳חלש׳ט דורך איהר ארבייט, ווייל זי איז ניט געוואוינט געווען דערצו, נאָר זי האט זיך ניט אונטער־געגעבען ביז וואַנען זי האָט מיט איהר אייגענע מיה צונויפגעזאַמעלט די סומע, וואָס איהר איז נויטיג, דאַן איז זי אויסגעהיילט געוואָרען פון איהר קראנקהייט „שפּענט־געלט״. . .

זי האָט זיך איבערצייגט אז געלט איז טייער, עס פארדינט זיך שווער, און מען טאָר ניט שפּענדען אויף לוקסוסען . . . דאָס געלט איז דורכגעזאַפּט מיט דעם שווייס און בלוט פון די ארבייטער.— פון דאַמאָלסט אָן איז זי גע־וואָרען אַן אנדער מענש, אָנגעהויבען טייער האַלטען ארבייט און געלט. גע־היילט געוואָרען פון איהר קראנקהייט „ספּענט־געלד״. געלטשדאָס

דעם קיסר׳ס זוהן, וועלכער האָט איהר אויסגעהיילט, האָט געהייראָט מיט איהר און זיי האָבען גליקליך געלעבט.

(החלק השני יהיה נדפס בקרב).